STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05574

GETRAKHT UN GELAKHT

Herman Eager

Permanent preservation of this book was made possible
by Deborah Green
in memory of
Leon & Sarah Satz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Hyman Backman
309 Clifton Ave.
Newark N. J.



אַ פּאָר ווערטער

וועגן מחבר:

הנן איגער, געבוירן אין רוס־לאַנד, אין דאָרף אַסטראָוועץ, ניט ווייט פֿון קלעצק, מינסקער גובערניע. געקומען יונג אין אַמעריקע.

די ערשטע צייט געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער און סטענאָגראַפּיסט, שפּעטער געענדיקט אַגראָנאָם אין דער באַראָן דע הירש שולע, געאַרבעט אויף פֿאַרמס, געווען מיט־רעדאַקטאָר פֿון „אידישער פֿאַרמער״, געשריבן און איבערזעצט אַרטיקלען איבער פֿאַרמעריי, אויך געשריבן פֿעליטאָנען, דערציילונגען, הומאָרעסקעס, אַפֿאָריזמען און לידער.

געדרוקט זיך אין „פֿאָרווערטס״, „מאָרגן זשורנאַל״ „פֿרייע אַרבייטער שטימע״, „פֿרייהייט״, „אידישע וועלט״, „אַמעריקאַנער״, „קונדס״, „הומאָריסט״, „טאָג״, א״נד.

אויך געדרוקט אַרטיקלען און קינדער־מעשה׳לעך אין ענגליש אין „ניו יאָרק קאָל״, „דזשואיש עדוואָקייט״, אין דער ענגלישער אָפּטיילונג פֿון „טאָגעבלאַט״ און נאָך.

אין 1937 — אַרויסגעגעבן אַ ביכל לידער אונטערן נאָמען: „מיאַמי ביטש״.

אין 1940 — פֿאַרלוירן אַלע שריפֿטן (איבער צוואַנ־ציק יאָר שאַפֿונגען) אין אַ פֿייער.

געטראַכט און געלאַכט

געזאַמלטע
לידער און רעציטאַציעס

פון

חנן איגער

פֿאַרלאַג איכאַ ליין
ניו־יאָרק, 1944

GETRACHT un GELACHT

(MUSINGS AND HUMOR)

POEMS and RECITATIONS

Copyright 1944
by

HERMAN EAGER
1035 Faile Street
Bronx 59, N. Y.

Printed in the U. S. A.
THE BELLEMIR PRESS
270 Lafayette Street
New York 12, N. Y.
129

צום לעזער

ניט באַזאָלבט און ניט באַבלימלט,
נע־ונד און אָן אַ „קרוין״!
כ׳האָב פֿון קיינעם ניט קיין „פֿאָרוואָרט״ —
שטעל איך פֿאָר אייך — זיך אליין.

איך בין אַ דיכטער אָן פּרעטענזיעס,
און איך דיכט ווי מיר געפֿעלט!
באַזינג די ליידן, לאַך אין פֿריידן
דורך דעם אומעט פֿון דער וועלט!

לידער־שאַרזשן, פֿליטער־פֿלאַטער,
ניואַנסן־שפּיל, קאַפּריזן־שפּיל,
אויך דאָס לעבן — בלויז אַ טאַנץ!
אויך דאָס לעבן — אַ קאַדריל.

וועט איר גינסטיק רעאַגירן
אויף די לידער — גרויס און קליין,
וועט דאָס זיין מיין גרעסטער כּבוד!
וועט דאָס זיין מיין בעסטער לוין!

זייט איר מיינע רעצענזענטן —
טוט מיט מיר ווי איר פֿאַרשטייט!
מעגט איר גרייטן דערנער, קווייטן —
נאָר גיט זײַמיר ניט נאָכן טויט!...

חנן איגער.

אין בלויען באַגינען

נאַטור לידער

אין בלויען באַגינען

ווען דער בלויער באַגינען נעמט גאָלדיק זיך פאַרבן
די ראַנדן פון הימל אין פאַנטאַזיע קאָלירן —
וואַכן אויף גראָזן פון נאַכטיקן שלומער
און רייבן זיך אויס די אויגן — בריליאַנטן,
און ווינקען זיך איבער מיט חן און מיט צויבער:
„גוט מאָרגן!"
„גוט מאָרגן!"

ווען דער בלויער באַגינען נעמט וואונדערלעך מאָלן
די קרייזן פון הימל מיט גאָלד און מיט זילבער —
צעשפּילן זיך זאַנגען ווי טויזנטער פידלען
און שפּילן אויס לידער פון ווייץ און פון קאָרן
און זינגען און טאַנצן און מורמלען זיך איבער:
„גוט מאָרגן!"
„גוט מאָרגן!"

ווען דער בלויער באַגינען נעמט כשופ׳דיק פאַרבן
האָריזאָנטן פון הימל מיט פורפור-קאָלירן —
כאַפּן זיך אויף די בערג און די טאָלן
פאַרנעפּלט פאַרחלומ׳ט, פאַרשלייערט פון טרוימען
און גיבן אַ שמייכל צום בלויען באַגינען:
„גוט מאָרגן!"
„גוט מאָרגן!"

ווען דער בלויער באַגינען נעמט זוניקע פאַרבן
און צינדט אָן די ראַנדן פון הימל מיט וואונדער —
פראַלן אויף טויזנטער טירן און פענצטער!
צעקלינגען זיך קייטן! צעשרייען זיך רעדער!
און מענטשן זיי לויפן, זיי יאָגן, זיי איילן:
„גוט מאָרגן!"
„גוט מאָרגן!"

אין גרינעם פֿעלד

(מיין פֿעטער הערי איגער — אַ מתּנה)

אין גרינעם פֿעלד פֿון זון און ווינט
מ'אַקערט און מען זייט,
און זים די לופֿט און פֿריש די ערד,
און פֿול דאָס הארץ מיט פֿרייד!

אין גרינעם פֿעלד פֿון ליכט און שיין
בליט שוין יונגער ברויט,
און דער וואָס האָט געזייט אין אנגסט
צום שניידן איז שוין גרייט.

אין גרינעם פֿעלד פֿון זאנגען-קלאַנג
גייט די זון אויף רויט,
און שמייכלט זים און שמייכלט ליב
צום יונגן, פֿרישן ברויט.

אין גרינעם פֿעלד פֿון זון און גאָלד
שניידט מען מיט אַ פֿרייד!
נאָר דער וואָס זייט און דער וואָס שניידט —
דער האָט אַליין קיין ברויט . . .

געזאַנג

אין יעדער זאַך איז דאַ געזאַנג:
אין אַקער, בראַנע, אייזן-קלאַנג:
אין סערפּ און האמער, נאָדל, אָל,
אין דעם שטויב פֿון בארג און טאָל,
אין דער זריעה, אין דער זאנג,
אין דער שקיעה, אין פֿאַרלאַנג,
אין ווינט, אין רעגן, שטורם, שיין,
אין טאַנץ, געלעכטער, טרער און פּיין.

אין יעדער זאַך — געזאַנג, מוזיק,
אין ברויט, אין פֿרייד, אין קייט, אין שטריק,
אין רו, אין שטילקייט, עכאָ-קלאַנג —
אין אַלץ, אין אַלץ איז דאַ געזאַנג.

זיבן זאַנגען

זיבן זאַנגען זינגען... זינגען...
ווייצענע געזאַנגען—
דריי פֿון באַרג
און פֿיר פֿון טאָל,
און זיי זינגען אין איין קול:
זינג, זאַנג, ברויט!
„זינג זאַנג, פֿרייד!
פֿרייד איז ברויט!
און ברויט איז פֿרייד!"
אָט אַזוי־אָ, שטילערהייט.

זיבן זאַנגען זינגען... זינגען...
זעטיקע געזאַנגען!
אין הערצער הונגעריקע דרינגען.
שטילן די פֿאַרלאַנגען...
און ס'מאַכט ניט וואָס זיי זינגען
ווי זיי זינגען,
אַבי זיבן זאַנגען זינגען
ווייצענע געזאַנגען.
ווייל אַז זיבן זאַנגען זינגען
גלוסט זיך ניט צו שטערן!
זאָלן זינגען זיבן זאַנגען,
גוט איז זיי צו הערן!

ביים וואַסערפֿאַל

וואַסער-פֿאַלן שטראָמען, זשומען,
פֿאַלן באַרג אַראָפּ!
און זיי רוישן און זיי ברומען,
מורמלען אין גאַלאָפּ.

ווי זיי שטראָמען — וואַסערפֿאַלן!
שטענדיק אויף דער וואַך —
ווי זיי פֿליסן פֿון די קוואַלן —
זינגען מיט אַ קראַך!

וואָס באַדייטעט זייער רוישן?
קומער אָדער לוסט?
ווי איך וואָלט זיך מיט זיי טוישן
אין מיין לעבן-פּוסט!

גרויסע שטיינער, ריזן בוימער,
הימל — זילבער-בלוי!
אַ פֿאַנטאַזיע פֿאַר אַ טרוימער —
טרוים איך מיר אַזוי...

טרוים איך, וועב איך, שפּין חלומות
דאָרט ביים וואַסערפֿאַל —
און פֿון ווייטע טרוים מקומות
זינגט אַ נאַכטיגאַל.

רוישט דאָס וואַסער, ווי אַ וויכער,
זינגט זיך בקול רם!
ווילט זיך אויך מיר זינגען, רוישן,
פֿליסן מיטן שטראָם...

פײַער־פליגן

פייער־פליגן אויף די פעלדער
האלטן מיך באוואכט —
און זיי פינקלען און זיי שיינען
אין דער שווארצער נאכט.

און זיי וועקן אויף געדאנקען
זיסע אָן אַ צאָל...
און צעפינקלען מיינע פריידן,
פריידן פון אמאָל.

פייער־פליגן אויף די פעלדער,
שטערן אין דער הויך —
און זיי לייכטן און זיי שטראלן
ליב אזוי און ווייך.

און זיי פינקלען און זיי טאנצן
מיט קאָליר און טאָן!
צינדן, צינדן אָן אַ פייער
אין מיין הארץ מיר אָן.

פייער־פליגן אויף די פעלדער
האלטן מיך באוואכט —
און זיי פינקלען און זיי שיינען
אין דער שווארצער נאכט...

אין מאַי

אין מאַי
אַלץ איז גרין און ניי,
לעבעדיק און פֿריי!
העלט דער טאָג און בליט,
רופֿט די נאַכט און ציט!...

פּוצט זיך ערד אין גרין,
וואַכט אויף יעדער מין,
עפּעס אַזאַ פֿרייד
שפּראָצט אויף שטילערהייט!

אין מאַי
פּערל — מאָרגן-טוי!
הימל — גאָלד און בלוי!
וואו מען קערט זיך — גרין —
ס'דופֿט פֿון יעדן מין.

אין מאַי
טוט דאָס האַרץ אַ פּראַל!
צעשטראָמט זיך ווי אַ קוואַל!
צעזינגט זיך אַזוי פֿריי
ווי אַ פֿויגעלע אין מאַי...

זומער־נעכט

אַ, זומער נעכט, אָ, כּשוף נעכט
פֿון חלום, ליד און וויין!
פֿון שטערן־טאַנץ און זשום, געברום,
און פֿון לבנה שיין!

פֿון ראַנד ביז ראַנד — דער האָריזאָנט
איז איינגעהילט אין טרוים —
עס שלאָפֿט דער באַרג, ס'דרימלט טאָל,
עס מורמלט שטיל אַ בוים.

און דאָ און דאָרט — עס שפּינט זיך אוים
אין שטילקייט פֿון דער נאַכט
אַ קנויל — אַ טרוים פֿון טיפֿסטן פֿרייד,
פֿון הימל, ערד, באַוואַכט.

איין קנויל, איין טרוים, איין אידעאַל
געשטריקט פֿון הערצער צוויי —
אין זומער נעכט, די כּשוף נעכט
עס ווערט איין האַרץ פֿון זיי.

„קיידי דיד"

„קיידי דיד" און „קיידי דידנט"
פֿילן לידער גאָר אַ פּראַכט!
וואָס דערציילן אַט די „קיידים"
אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט?

אַ פֿאַרגאַפֿטער ליג איך, הער איך,
קען ניט שלאָפֿן, בין צו וואַך!
און אויך מיר עס ווילט זיך זינגען
ווי די „קיידים" אויפֿן שליאַך!

אָ, „קיידי דיד" און „קיידי דידנט",
צו זיין ווי איר — מוז זיין אַ פּראַכט!
כ'וואָלט אויך וועלן פֿילן לידער
אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט!

כ'וואָלט אויך וועלן זינגען, זינגען . . .
און פֿון פֿליכטן — ניט קיין טראַכט,
ערגעץ, ערגעץ אויף אַ צווייגל —
זינגען לידער אין דער נאַכט . . .

דער העקער

עס גליט די זון עס זינגט דערווינט
אַ לידל פֿול מיט טאַקט,
און ערגעץ וואו אין טיפֿן וואַלד
אַ העקער ביימער האַקט.

אַ האַק אַהער, אַ האַק אַהין,
עס גיט אַ בוים אַ קראַך!
דער עכאָ קלינגט, דער עכאָ הילכט
אין וואַלד, אין פֿעלד, אין שליאַך.

און בלעטער שטיל זיי סוד'ען זיך,
ס'הערט זיך פֿויגל-טריל —
און דאָ און דאָרט אַ וואַסערל
צעזינגט זיך אין דער שטיל.

דער העקער האַקט און ווישט דעם שווייס,
די ביימער פֿאַלן שווער,
און ווען זיי פֿאַלן דוכט זיך אוים,
זיי קרעכצן מיט אַ טרער . . .

נאָר וואָס גייט אים אָן דאָס שפּיל?
ער פֿילט ניט וואָס קומט פֿאָר,
ער ווייס נאָר אַז ער דאַרף אַ בוים
אַראָפּהאַקן און — גאָר . . .

„אינדיען" זומער

אָ, גאָלדענע טעג פֿון סוף זומער,
אין גאָלדענע ראַמען געראַמט!
די פֿאַרבן, זיי גליען, זיי בלענדן,
דער זומער, ער רייצט נאָך, ער פֿלאַמט.

דער זומער — ער איז דאָך אַ גאַסט שוין,
ער גייט שוין פֿון אונז באַלד אַוועק —
אָט קומט שוין דער אָסיען דער גרויער,
פֿאַרטרייבן די גאָלדענע טעג.

ליג איך און באָד זיך אין שטראַלן,
בין דאַנקבאַר, וואָס די זון וואַרפֿט מיך צו —
געציילטע — די טעג פֿון סוף זומער,
געציילטע — די טעג פֿון מיין רו.

אַ גאָלדענע טעג פֿון סוף זומער,
איר שטאַרבט אַזוי הערלעך און שיין!
איר זייט דאָך, ווי איך, בלויז צוגאַסט נאָר —
אָט לעבט איר — אָט מוזט איר פֿאַרגיין . . .

האַרבסט בלעטער

בערג מיט בלעטער, רויטע, געלע,
און דער הימל פֿול מיט קומער . . .
שטייען בוימער הויל און נאַקעט
ס'איז ניטאָ שוין מער דער זומער!

ס'איז ניטאָ שוין מער דער זומער
מיט זיין גרינקייט, מיט זיין פֿרייד!
גראָזן, בלומען און אינזעקטן! —
אַלעס, אַלעס איז שוין טויט!

און די לופֿט איז פֿול מיט פּולווער:
יעגער־ביקסן שיסן, קנאַלן!
לויפֿן האָזן פֿון די נאָרעס
און זיי פֿאַלן! און זיי פֿאַלן!

און דאָס האַרץ עס רוישט, עס האַמערט,
וועקט מחשבות ליב און טייער . . .
פֿאַלט דער קאַלטער אָסיען רעגן —
לעשט פֿון זומער אויס דאָס פֿייער! . . .

בערג מיט סודות אין די בלעטער
ביים לבנה איינגערוימט . . .
פֿילע ווערטער ניט דערזאָגטע,
פֿילע טרוימען ניט דערטרוימט . . .

אין מיין גאָרטן

א. צייט

ב. קאַמף

ג. שטימונג

ד. מענטש

ה. ראָמאַנס

געראַנגל...

איך בין שוין מיד פֿון קריג,
און פֿון „זיג" און פֿאַרלוסט —
אַזוי שווער, אַזוי לער
און נשמה'דיק פּוסט.

איך וויל זיך באַפֿרייען
פֿון ערדישע זאַכן —
אַנטלויפֿן, פֿאַרשווינדן
זיך הילכיק צעלאַכן...

לאַכן, אָ, לאַכן
מיט האַרץ, מיט נשמה,
און אין דעם געלעכטער
געפֿינען נחמה.

און הערן דעם אָפּקלאַנג
פֿון מיין אייגענעם שאַלען —
אין אַ ווינקל אַ שטילן
וואו עס זינגען די קוואַלן.

אין אָפֿענע פֿעלדער
פֿון ווייץ און פֿון קאָרן —
וועל איך אפשר פֿאַרגעסן
דעם צער און דעם צאָרן?

און פֿון בלוטיקע שלאַכטן
ניט הערן, ניט וויסן,
און ווערן אַנדרעמלט
אין אַ חלום אַ זיסן...

און טרוימען פֿון פֿריידן,
פֿון גליק און פֿון פֿרידן,
פֿאַר אַלע נאַציאָנען
סיי קריסטן, סיי יידן.

*　　*

נאָר עס גילט ניט דאָס לויפֿן
וואו ווייץ איז און קאָרן,
אויך דאָרטן דערטראָגט זיך
דער צער און דער צאָרן...

צוויי טאַטעס

(צו מאָריס ראָזען)

זיצן צוויי טאַטעס — צוויי פֿרישע אבלים,
פֿאַרקלעמטע די הערצער בייביידן!
אַ ביסל זיי ריידן, אַ ביסל זיי שווייגן
נאָר דאָס שווייגן רעדט מער ווי דאָס ריידן.

וואָס ריידן די טאַטעס? וואָס קענען זיי ריידן?
ס׳וועט דען העלפֿן די רייד און די טרערן?
די זין וואָס זיי האָבן ערשט ביידע פֿאַרלאָרן
זיי וועלן ניט לעבעדיק ווערן.

דער ערשטער געפֿאַלן פֿון קראַנקהייט, באַציל,
דער צווייטער — פֿאַר אַ ציל, אידעאַל!
געקעמפֿט האָט ער העלדיש, פֿאַר פֿרייהייט און רעכט
אויף די אינדזלען ביי גוואַדאַלקאַנאַל.

איז דער טאַטע פֿון ערשטן מקנא דעם צווייטן:
ס׳איז יענעמס געפֿאַלן כאָטש פֿאַר אַ צוועק!
נאָר זיינער איז פּלוצלונג, גאָר אָן שום קאַמף —
אַזאַ יונגער אויף אייביק אַוועק!

זיצן די טאַטעס מיט הערצער פֿאַרקלעמטע
און טיילן זיך שטיל מיט דיליידן...
אַ ביסל זיי ריידן, נאָר מערסטנס זיי שווייגן,
נאָר דאָס שווייגן רעדט מער ווי דאָס ריידן...

געאָגראַפּיע

(אין אַ קינדער שולע)

מאָנטאָג:

פּאַריז געהערט צו פֿראַנקרייך, קינדער,
נעמט עס גוט אין אַכט!
עס איז פּאַריז די שטאָט פֿון קונסט,
די שטאָט פֿון ווײַן און פּראַכט!

דינסטאָג:

פּאַריז געהערט שוין ניט צו פֿראַנקרייך,
פֿאַרכאַפּט האָט איר דער בראַנד!
עס איז ניט מער די שטאָט פֿון קונסט,
ס'געהערט צו נאַצי־לאַנד.

מיטוואָך:

און דאָרט — די „פּיאָרדס", די אינדזולען, מילן,
דאָס איז האָלאַנד, קינדער,
דאָס לאַנד פֿון מילך און קעז און פֿאַנג,
פֿון שעפּסן און פֿון רינדער.

דאָנערשטאָג:

פֿאַרגעסט פֿון האָלאַנד, ליבע קינדער,
אויך האָלאַנד איז ניטאָ!
עס איז האָלאַנד ערשט געפֿאַלן
צוריק מיט פֿינעף שעה.

פֿרײַטאָג:

און דאָרטן אויפֿן לאַנד־קאַרט, קינדער,
דאָס איז בעלגיע, זעט!
און ווײַטער, ווײַטער נאָרוויי, דענעמאַרק,
שײַנע לענדער, שטעט!

שבת:

פֿאַרגעסט פֿון בעלגיע, נאָרוויי, דענעמאַרק,
שוין אויך אַוועק אַ גאַנג!
עס האָבן נאַצים אויך פֿאַרכאַפּט זיי,
נאָר ניט, נאָר ניט אויף לאַנג!

אַז איך וועל ניט זיין

וואָס וועט זיין
אַז איך וועל ניט זיין?

וועט שנאה און קנאה
נאָך זיין אויף דער וועלט?
וועט מען פירן מלחמות
פאַר מאַכט און פאַר געלט?
וועט אויפגיין די זריעה
וואָס מ'וויל איצט פאַרזייען?
וועט מענטש זיך באַפרייען
פון אַלטע אידעען
און קרומע באַגריפן?
און וועט זיך אין שענערס,
אין העכערס פאַרטיפן?
אויב ניט — איז אַ שאָד
די מי און די פיין,
דאַן איז שוין בעסער
אַז איך וועל ניט זיין.

נאָר ס'קען דאָך ניט זיין
אַז ס'וועט אַזוי זיין!
אַז איך וועל ניט זיין
וועט אַנדערש שוין זיין!
אָפּשאַפן וועט מען
פאָראורטייל און פיין!
מענטש וועט זיך טיילן
מיט ברויט און מיט וויין!
די וועלט וועט אַ פרייע,
אַ נייע דאַן זיין!

אַ, ווען איך קען זיין
ווען איך וועל ניט זיין!

אין גאַס

אין גאַס איז שניי און פֿראָסט און ווינט,
אין גאַס איז אַזוי קאַלט!
נאָר דאָרט ביי אים — וואַזאָנעס, גרין,
דערמאָנען: זומער, וואַלד.

אין גאַס מען הונגערט און מען פֿרירט —
צו שטאַרק די קעלט, די נויט!
נאָר דאָרט ביי אים — עס פֿרילינגט גאָר,
עס בליט און דופּט אַ קווייט.

אין גאַס מען טרעט אין טיפֿן שניי,
אַ, קאַלט איז יעדער טראָט!
נאָר דאָרט ביי אים — איז ווארעם, גוט,
און ליב דער גרויסער גאָט!

ווען מען...

ווען מען האַקט אַ בוים
קרעכצט דער בוים און שרייט:
„מיטלייד, כ׳בין נאָך יונג,
ס׳איז נאָך ניט די צייט!"

ווען מען רייסט אַ פֿלאַנץ
הערט זיך אַ געבעט:
„לאָזט מיך נאָך אַ ווייל,
שטאַרבן איז ניט שפּעט!"

ווען מען שעכט אַ קו
מאַכט זי אַ געוואַלד!
און ווען מען שיסט אַ לייב
טרייסלט זיך דער וואַלד!

נאָר ווען קאַנאָן און ביקס
מענטשן מאָרדט אָן שאַנד!
גייען זיי צום שלאַכט
אָן אַ ווידערשטאַנד!...

אָט אַזוי

נאָר אָט אזוי,
און — אָט אזוי,
כּסדר אָט אזוי!
טאָג איין, טאָג אויס,
יאָר איין, יאָר אויס,
שטענדיק אָט אזוי!

עס איז שוין נמאס
אָט אזוי,
דאָס לעבן
אָט אזוי!
נאָר אָט אזוי
און אָט אזוי,
אייביק — אָט אזוי!

וואו איך גיי
און וואו איך שטיי,
נאָר אָט אזוי!
מ׳ווערט געבאָרן — אָט אזוי
און פאַרלאָרן — אָט אזוי.
אי, ווען עס איז אָט אזוי,
ניט — אָט אזוי!

וואו נעמט מען טעג?
וואו נעמט מען נעכט?
אַנדערש, ניט אזוי!
אַ נייעם שיין,
אַ פרישן ווין,
כאָטש אַ ביסל —
ניט אזוי!

צום דיכטער

ניט קיין רויזן־ווערטער, דיכטער,
ניט קיין ליריק, ניט קיין האַרף!
וואָרט פֿון שטאָל און וואָרט פֿון אייזן
דאַרף מען איצטער חלף־שאַרף!

ס׳גילטן מער ניט צאַרטע טענער,
אַז טאַנקען שטייען אויף דער וואַך!
באָמבעס, ביקסן און קאַנאָנען —
דאָס איז איצטער אונזער שפּראַך!

זאָל דיין פען ניט גלעטן, צערטלען
זאָל אָן ניגון זיין דיין ליד!
זאָל יעדער טראָפּן פֿון דיין פּעדער
זיין מיט הייסן בליי געשמידט!

ניט קיין רויזן־ווערטער, דיכטער,
אין אַ צייט פֿון האַס און רוט —
ווען די זון גייט אויף און אונטער
אין אַ ים פֿון מענטשן־בלוט . . .

אַ וואָרט

יעדער מענטש אַ וואָרט פֿאַרמאָגט
וואָס ווערט קיינמאָל ניט ארויסגעזאָגט!
אַ ליבער וואָרט!
אַ טייער וואָרט!
פֿאַרנעמט דאָס וואָרט
אַ הייליק אָרט!
ס'איז דאָס וואָרט
וואָס בלייבט אין זיך,
אין יעדן איך.

יעדער מענטש אַ וואָרט פֿאַרמאָגט
וואָס ווערט קיינמאָל ניט אַרויסגעזאָגט!
ער פֿאַרטרויט אים ניט!
געטרויט אים ניט!
ער ליבט מיט אים.
ער לעבט מיט אים.
ביז'ן לעצטן שיין!
ביזן סוף אַריין! . . .

יעדער מענטש אַ וואָרט פֿאַרמאָגט
וואָס ווערט קיינמאָל ניט אַרויסגעזאָגט!

זי ווייסט שוין...

שטענדיק זיצט זי נאָר פֿאַראומערט,
שטענדיק טראַכט זי אין דער שטיל,
עפּעס נאָגט איר, עפּעס דריקט איר,
נאָר — זי ווייס ניט וואָס זי וויל.

טעג און וואָכן און חדשים —
און דאָס לעבן גייט אַן שפּיל,
ס'ברויזט אין הארצן אַזאַ שטורם —
זי ווייס אַלץ ניט וואָס זי וויל.

יאָרן פֿליסן, יאָרן לויפֿן —
גאַלאָפּירן אָן אַ ציל . . .
ס'איז דאָס לעבן האַלב אַנטלאָפֿן —
איצט — זי ווייס שוין וואָס זי וויל!

קנאה
(פֿאַבל)

ביים וואַסערפֿאַל אַ ווינטעלע
בלאָזט זיך און ער רעדט:
„אָ, שווער צו זיין אַ ווינטעלע",
זאָגט ער מיט געבעט.

„דו וואַסערפֿאַל, דו פֿאַלסט, דו איילסט,
לויפֿסט און וויסט כאַטש וואו,
נאָר איך בין אַ פֿאַרשאָלטן ווינט,
כ'האָב קיין היים, קיין רו...

אַט יאָג איך זיך פֿון מערב זייט,
אָטעם אַזוי שווער!
און וואו איך וועל באַלד אָנקומען
כ'וויים אליין ניט מער".

„וואָס ביסטו דאָ מקנא מיר?"
זשומט דער וואַסערפֿאַל,
„ווייס איך דען אַוואו איך לויף
און יאָג אַרוים די גאַל?

„הלוואַי בין איך אַזוי ווי דו —
אַ ווינטעלע, ניט מער,
איך וואָלט דאָך דאַן געלעבט אַ טאָג,
און ניט געאַרבעט שווער.

* *

און ביידע נאָר זיי איילן זיך,
לויפֿן אָן אַ זין —
און וויסן ניט פֿאַר וואָס, פֿאַר ווען,
וויסן ניט וואוהין...

ס׳קען זיין ?...

(נאָך פּאַפּיערניקאָוו)

ס׳קען זיין אַז איך לעב אין אַ וועלט פֿון חלומות
ס׳קען זיין אַז איך לעב אָן אַ טאָלק, אָן אַ ציל?
וואָס טויגן מיר צילן, וואָס גילטן מיר מאָרגנס?
ס׳איז מיר פֿיל ליבער אין לעבן דאָס שפּיל!

ס׳קען זיין אַז איך גיי קעגן שטראָם, קעגן עטיק?
ס׳קען זיין אַז איך גיי קעגן גלויבן און דין?
נאָר איך ליב ניט קיין קייטן, קיין צוים און קיין צאַמען,
אַזוי האָט מיין לעבן אַ קיום, אַ זין!

ס׳קען זיין אַז מיין וועג איז אַ קרומער — פֿול דערנער?
ס׳קען זיין אַז איך וואַנדער און ווייס ניט אַליין?
אַבי נאָר די וועגן זיינען זוניק און ליכטיק,
אַבי נאָר די יאָרן זיינען זאָרגלאָז און שיין!

ס׳קען זיין אַז איך שכּור און ווייס עס אַליין ניט?
ס׳קען זיין אַז איך סם זיך מיט מיין אייגענעם בים?
נאָר וואָס טויגן מיר ווייגען וואָס זיינען פֿאַרבאָטן,
שוין בעסער דער סם וואָס געשמאַק איז און זיס!

מענטש

מענטש איז גרויס און קליין,
אַנטיפּאַטיש, פול מיט חן;
ברעכט און בויט, בויט און ברעכט,
גערעכט. אומגערעכט.

מענטש — אַ ריז, מענטש — אַ שטויב,
אי אַ טייוול! אי אַ טויב!
האָט ער געלט — קערט ער אַ וועלט!
מעג ער זיין אַ קליינס:
איז ער גאָר, גאָר אַזוינס!

מענטש איז — יאָ און — ניט,
גאָר און — גאָרניט!
וואָר און טרוים! שוים!
אָט — אָט דאָרט, אָט — אָט דאָ,
ערשט געווען — נ י ט אָ!...

ס'איז ניט . . .

ס'איז ניט רום און ניט גרויסקייט
וואָס איך זוך —
עס איז פריידן און פריידן,
אַ העמד און אַ שוך.

ס'איז ניט גאָלד און ניט זילבער
וואָס איך וויל,
נאָר אַ הימל אַ בלויען,
און לעבן זיך שטיל.

ס'איז ניט שלעסער, פּאַלאַצן,
וואָס איך דאַרף,
נאָר אַ האַרץ פול מיט ליבע,
אַ ליד און אַ האַרף.

די יידישע טרערן...

אָ, וואו איז דער טייך? און וואו איז דער ים?
צו פֿאַרנעמען די יידישע טרערן!
וואָס פֿליסן און גיסן און שטראָמען און רוישן
און עס וויל ניט, עס וויל ניט אויפֿהערן.

אָ, וואו איז די גרוב און דער גרונט און די טיפֿקייט?
צו פֿאַרשלינגען די יידישע ליידן...
פֿון טאַטע און מאַמע, פֿון ברידער און שוועסטער,
פֿון דער גרייז-גרויער באָבען און זיידן.

אָ, וואו איז דער גאָט, דער יידישער גאָט?
צו פֿאַרנעמען די תּפֿילות, געבעטן,
פֿון יידישע הערצער וואָס בלוטן און שמאַכטן
און מען קען זיי פֿון פֿייער ניט רעטן...

סם...

אַ בלינדער בין איך כאָטש איך זע,
אַ טויבער — כאָטש איך הער,
איך בין ניט איך, איך ווער געפֿירט
פֿון אַ ווילד-ווילדן באַגער!

טיפֿע זומפּן, שוואַרצע תּהום'ען!
און איך זע דאָך ווי איך זינק,
נאָר עס רעדט אין מיר אַ שטימע:
„סם איז לעבן! — לעב און טרינק!"

טרינק איך, טרינק איך און איך טרינק זיך!
פֿאַרגעס אָן ליניע און אָן צאָם —
און איך האַלט מיט זיך מלחמה,
און — איך קוויק זיך מיטן סם...

אין שטראָם

דו זוכסט — און ווייסט ניט וואָס,
דו גייסט — און ווייסט ניט וואו,
דו וואַנדערסט הער און הין —
האָסט קיין אָרט, קיין רו.

אַ פֿריינד נאָר אויף אַ ווייל
געפֿינסטו אין דיין וועג,
און ווערסט באַלד אויסגענוצט
פֿאַר זיין אייגן צוועק.

פֿאַרביטערט און אַנטוישט
דו דרייסט זיך אום אין גאַס —
און פֿול מיט גאַל דיין וואָרט,
פֿול מיט גיפֿט דיין שפּאַס.

און אין דעם גרויסן שטראָם
פֿאַרלירסטו זיך אַליין,
און זוכסט דיין אייגן „איך"
צווישן שטאָל און שטיין . . .

גייסטיקע קראַפֿט

עס איז ניט דער פֿויגל —
עס איז ניט דאָס געזאַנג
וואָס רירט די נשמה
מיט בענקשאַפֿט, פֿאַרלאַנג.

עס איז ניט די בלום —
עס איז אַראָמאַט
וואָס דרינגט אין די גלידער
און זעטיקט אָן זאַט.

עס איז ניט דער מענטש —
עס איז גייסטיקע קראַפֿט
וואָס שפּיגלט זיך אָפּ
און בויט נאָר און שאַפֿט.

כ׳האָב ליב . . .

כ׳האָב ליב די האָריזאָנטן
וואָס רופֿן ערגעץ ווייט, —
און פֿאַרטראָגן מיך אין וועלטן
פֿון אַ נייער, פֿרייער צייט.

כ׳האָב ליב דעם בלויען הימל,
די לבנה — זילבער־שיין,
און די סודות׳דיקע בוימער
וואָס צערטלען, וויגן איין.

כ׳האָב ליב די מילדע בליקן
וואָס דערקוויקן אין דער שטיל,
און לעבן אויף אין האַרצן
אַ הערלעכן געפֿיל.

כ׳האָב ליב דעם זיסן חלום
כאָטש ער ווערט קיינמאָל ניט וואָר,
און געפֿילן וואָס זיי ריידן
אַן ווערטער אַזוי קלאָר.

איך — ער — און יעדער איינער

1

יעדער איינער — איך!
איך און — איך!
פֿריער — איך.
שפּעטער — איך.
ווידער — איך.
איך בין אויסער זיך —
פֿאַר זיך!

2

יעדער איינער — ער.
און שוין, ניט מער!
ער און ער און ווייטער ער,
מעג די וועלט זיך געבן אַ קער!
פֿריליד צי לייד, געלעכטער, טרער —
וואָס קימערט ער!
ער איז אַ יחיד, אַ בן יחיד,
צווישן צוויי און הונדערט צוויי!
ער און — ער! אימער ער!
באַרימער — ער!
ווען ניט ער!
עס קען דען ווער אַזוי ווי — ער?

3

יעדער איינער — איינער
און ווייטער — קיינער!
ער — אַזוינער!
אזוינער און אַזוינער!!
ער איז בעסער
ער איז גרעסער!
ער איז ריינער!
ער — אַ קלענער?
אַזאַ קאָפּ עס האָט ניט קיינער!
ער איז — איך
און — ער
און — יעדער איינער.

וואו נעמט מען צוריק?

וואו נעמט מען צוריק?
דעם ערשטן מאָמענט?
דעם ערשטן וויבריר?
באַריר מיט די הענט?

דעם חדר, דעם רבי —
זיין הילכיקע שטים!
אין דעם „בראשית
ברא אלהים"?

די פּריילעכע נעכט?
די זאָרגלאָזע טעג?
דעם וואָגן, דאָס שליטל,
דאָס טייכל, די וועג?

דעם ערשטן בליק?
דעם ערשטן חוש?
די ערשטע מיידל?
דעם ערשטן קוש?

די יינגלשע יאָרן?
די יוגנט, דאָס גליק?
וואו נעמט מען, וואו נעמט מען
דאָס אַלעם צוריק?

מאָמענטן...

אונזער פֿריינדשאַפֿט — אַ בליץ,
אַ בליאַסק אין דער נאַכט!
דאָך מיר האָבן צוזאַמען
פֿיל שעה'ן פֿאַרבראַכט.

זיינען די שעה'ן געלאָפֿן
ווי עס לויפֿט אַ מאָמענט,
האָבן מאָמענטן
פֿאַרקניפּט אונז, באַקענט.

אין ווינקלען אין שטילע
אין נאַכטיקער פּראַכט —
האָבן אונז די מאָמענטן
צוזאַמענגעבראַכט.

און ס'האָבן זיך הערצער,
נשמות — געשפּיגלט,
מיט טיפֿע עמאָציעס
מאָמענטן פֿאַרזיגלט...

און אַ סאַסנע אַ שלאַנקע
געמורמלט האָט שטיל,
ווי אונזערע הערצער,
ווי אונזער געפֿיל...

דו — און — איך — און — נאַכט

דו — און — איך — און — נאַכט
פֿון שטערן־גלאַנץ באַוואַכט!
זיצן מיר פֿאַרטראַכט . . .

און די נאַכט —
שטיל איז זי . . .
קיל איז זי. . .
און זי לויערט
און זי בויערט
אין הארץ אריין!
אין נשמה אריין!
און אַ שטערן — עלעגאַנץ!
טוט אַ פֿינקל! טוט אַ טאַנץ!
גיט אַ שימער און אַ וואונק
און צו דער ערד אַ שפּרונג!

דו — און — איך — און — נאַכט
אַלץ איז שטיל,
קיין זאַך באַוועגט זיך!
בלויז אַ גריל אַ לידל זעגט זיך . . .
און אַ ווינטל פֿון דעם שליאַך
גיט אַ מורמל אויף זיין שפּראַך . . .
און מירביידע — זיצן שטיל —
אַנשטאַט ווערטער — רעדט געפֿיל . . .

דיינע אויגן

דיינע אויגן—רויטע פֿלאַמען—
ברענען... ברענען... אָן אַ שיעור!
און ווען דו גיסט אויף מיר אַ בליק—
צינדט זיך אָן מיין הארץ אין מיר!
ברענט מיין הארץ פֿון דיינע פֿלאַמען—
אַפֿילו ווען דו לאָזט אַ טרער,
און אַנשטאַט מיין פֿלאַם צו לעשן—
צינדסטו אָן דעם פֿייער מער...

בליקן

כ׳האָב מיינע בליקן טיף פֿאַרפֿלאַנצט
אין אירע בלויע אויגן:
האָבן זיי זיך דאָרט צעוואָרצלט,
ווי די פֿלאַנצן נאָך אַ רעגן —
און געצערטלט און געוואָרעמט
האָט זי מיינע בליקן דאָרטן
ביז זיי האָבן זיך צעוואַקסן,
ווי אַ שיינער בלומען גאָרטן.

אייפֿערזוכט

...און ווען דו וויינסט צו מיר —
דוכט זיך מיר:
עס וויינט די וועלט;
און ווען דו לאַכסט צו מיר —
דוכט זיך מיר:
עס לאַכט די וועלט.

נאָר ווען כ׳זע דיך וויינען
צו אַ צווייטן
דוכט זיך מיר:
עס וויינט ניט מער די וועלט;
און ווען כ׳זע דו גיסט דיין שמייכל
צו אַ צווייטן
דוכט זיך מיר:
עס לאַכט ניט מער די וועלט...

דערוואַכונג

...און נעמען וועל איך די פּרימאָרגנס ניט דערטאָגטע:
אויסטאָגן זיי אין איין זוניקן פּרימאָרגן!
און אַלע ווערטער ניט דערזאָגטע —
אַרויסזאָגן מיט איינמאָל, ניט פאַרבאָרגן!

און פאַר אַלע טעג און יאָרן ניט געלעבטע —
אַ לעב טאָן פול מיט לעבן און מיט פייער!
און אַלע פערזן ניט דערוועבטע
אויסוועבן אַ מונטערער, אַ נייער!

און די קאַמפן שווערע, ניט דערצילטע —
אויסקעמפן אין איין קאַמף אַ גרויסן!
און אַלע וואונשן ניט דערפילטע —
דערפילן אין איין מאָמענט אַ הייסן!

און די נעכט — די שלאָפלאָזע, די טריבע,
אויסשלאָפן אין איין שלאָף אַ זיסן!
און די פלאַמען ניט דערפלאַמטע פון מיין ליבע
פלאַמנדיק צו איינער נאָר אויסגיסן!...

איין וואָרט

איין וואָרט קען ריידן מער ווי צענדליק ווערטער!
איין וואָרט קען מיינען הונדערטער דעטאַלן!
איין וואָרט קען זיין אי בויער, אי צעשטערער!
איין וואָרט קען רוישן מער ווי טויזנט קוואַלן!

עס האָט...

עס האָט אַ וואָרט זיך וואו דערוואַכט
און פּראָטעסטירט!
עס האָט אַ פֿויסט זיך וואו פֿאַרמאַכט
און רעאַגירט!

עס האָט אַ קול זיך וואו צושאַלט
פֿון האָריזאָנט —
עס האָט אַ ביקס זיך וואו צעקנאַלט
און האָט געמאָנט!...

ערגעץ וואו —

ערגעץ וואו... ערגעץ ווייט...
ניי-לעבן מען שאַפֿט!
העי, פֿערדלעך, לויפֿט גיכער,
גענוג שוין געשלאָפֿט!

ערגעץ וואו... ערגעץ ווייט...
מיין יוגנט מיין גליק —
אפֿשר קענט איר זיי, פֿערדלעך,
דעריאָגן צוריק?

ערגעץ וואו... ערגעץ ווייט...
אַלץ בעסער ווי דאָ!
נו, שנעלער, נו, גיכער,
זאָל קומען די שעה!

ערגעץ וואו... ערגעץ ווייט...
מען זינגט און מען לאַכט!
העי, פֿערדלעך, וואָס שטייט איר?
עס ווערט דאָך שוין נאַכט.

דער אייביקער קאַמף

מענטש קעגן מענטש, קעגן מענטש
אין אייביקן קאַמף און געפֿעכט,
נאָר מען זוכט און מען פֿלוכט און מ׳האַסט
מען רייסט און מען בייסט און מ׳ברעכט!

יעדער „איך" נאָר פֿאַר זיך, נאָר אין זיך,
יעדער „איך" וויל נאָר זיין אויפֿן פֿערד!
אַזאַ וועלט — אַזוי גרויס, אַזוי ברייט —
דאָך ווינציק און קליין אים די ערד.

יעדער מענטש וויל זיין גרויס, וויל זיין שטאַרק,
און באַליבט און געשעצט און געאַכט!
יעדער „איך" זוכט נאָר רום, זוכט נאָר בלום,
דעם רודער, די פֿאָן און די מאַכט!

פֿידל טענער

(צו אַרטור בלאַק)

פֿידל טענער — כּשוף טענער!
הימלישע געזאַנגען!
הייבן, שטילן די געפֿילן,
צערטלען די פֿאַרלאַנגען!

פֿידל טענער — ווײנען, לאַכן,
נשמה׳דיקס פֿאַרמאָגן!
אין וועלטן פֿריידיק-פֿרידלעכע
זיי טראָגן און פֿאַרטראָגן!

פֿידל טענער — צינדן, לעשן,
חושים זיי ווײברירן!
ריידן, זינגען, וויגן, וועקן,
אין חלום-לאַנד פֿאַרפֿירן!

כ׳האָב אַמאָל אַ פּאַרם געקויפט...
(געווידמעט די האָטעל־לייט פון די בערג)

כ׳האָב אַמאָל אַ פּאַרם געקויפט
פון זעכציק אַקער ערד:
אַ הויז, אַ שייער און אַ שטאַל,
אַ בהמה און אַ פערד.

און אַ וועלדל און אַ טייכל,
אַ וואַסערפאַל — אַ פּראַכט!
בלויע בערג און טיפע טאָלן
פאַר׳חלומ׳ט און פאַרטראַכט...

און גע׳חלומ׳ט האָט מיין פּאַרם,
גע׳חלומ׳ט יעדער שטיין,
יעדער בוימל, יעדער גרעזל,
אַפילו איך אַליין.

נאָר דאָס לעבן האָט געפאָדערט —
(מיין חלום מיר צעשטערט)!
אַ שוך, אַ קלייד, אַ שטיקל ברויט
און אַלעס — פון דער ערד.

האָב איך אַרויסגעלאָזט מיין שטים
פון אַלע עקן פיר:
„חיי, ברידער, שוועסטער, הערט מיין רוף —
קומט שוין אַרויס צו מיר!

זיינען דאַטשניקעס געקומען,
געשעפט אַוועק איז שנעל!
וואָס מיר בראַנע, ווער מיר אַקער —
עס איז שוין אַ האָטעל!

* * *

און ווען איך טראַכט פון יענער צייט,
ווערט מיין הארץ מיר שווער...
בערג — מיט חובות, ים — מיט זאָרגן
עס חלומט זיך ניט מער!...

עלעגיעס

עלעגיע

(אין אָנדענק פֿון מיין פֿאָטער — ישראל יעקב איגער ע"ה, געשטאָרבן אין קעטסקיל, ניו־יאָרק, מאַי 30טן, 1940 — צען שעה איידער אונזער פֿאַרם איז אָוועק מיטן רויך.)

פֿריש ווי דיין קבר
אזוי פֿריש איז מיין וואונד!
און טיף ווי די גרוב
אזוי טיף איז דער בונד!
און כּל זמן איך לעב
וועסטו אין מיר לעבן!
און וועסט פֿאַר מיר אייביק
א ליכטיקער שוועבן!

קענען ווערטער דען ריידן
ווי עס ריידן געפֿילן?
ווי עס האַמערט מיין האַרץ
און וויל זיך ניט שטילן?
ניטאָ אזאַ טרייסט,
ניטאָ אזאַ וויין,
צו פֿאַרגעסן, דערטרינקען
דעם פֿאַרבאָרגענעם פיין...

איך געדענק גוט די ווערטער
וואָס פֿלעגן דיך שטילן:
„גאָט גיט און גאָט נעמט,
אזוי איז זיין ווילן!
דאָך האָסטו מוטיק
געקעמפֿט קעגן טויט!
כאָטש נאָך א טאָג לעבן,
דו ביסט נאָך ניט גרייט!

עס האָט דיר דער ווייטאָק
געענגבערט, גענאָגט!
האָסט לאַנג שוין געפֿילט
אז די לעצטע שעה שלאָגט!

מיט אַ תּפֿילה, אַ שטילע
דו האָסט זיך געגרייט:
"עס קומט שוין, עס קומט שוין,
די ענדע, דער טויט!"

און געווען איז דער טויט
אַזוי גרויזאַם, געמיין!
געלאָזן דיך שטאַרבן
איינזאַם... אַליין...
ס'איז קיינער פֿון אונז
ביי דיין בעט ניט געווען,
צו קענען דיך איינמאָל,
כאָטש איינמאָל נאָך זען.

אַזאַ ערלעכן, פֿרומען,
מיט אַ האַרץ אַזוי ברייט,
האָט אַ בעסערער גורל
געדאַרפֿט זיין געגרייט!
וואָרום האָט דיר, טאַטע,
געקומט אַזאַ סוף?
אָן אַ וואָרט אויף די ליפּן —
אין אייביקן שלאָף...

* *
*

צען שעה נאָך דיין טויט —
אויך אַוועק אונזער הויז!
ס'האָט אַלץ אַ פֿייער
פֿאַרניכטעט און — אויס!
צוואַנציק יאָר מי
פֿאַרברענט אין איין שעה!
אַ בערגל מיט אַש —
קיין סימן ניטאָ...

ניטאָ מער דער קליאָן-בוים
וואָס דו האָסט פֿאַרפֿלאַנצט!
ווען ער איז געוואַקסן
האָסטו אַזש געטאַנצט!
אַ מאַסיווער, אַ שיינער,
אַ גרינער, אַ פּראַכט!
געקוקט אין די הימלען
פֿאַר׳חלום׳ט, פֿאַרטראַכט...
איצט — פֿאַררויכערט, פֿאַרסמאַליעט,
אַ שאָטן, אַ דאָרן,
דאָס איז פֿון דעם קליאָן-בוים
איצטער געוואָרן.

אויך ניטאָ מער די קוסטעס,
ניטאָ מער די בייטן,
פֿאַרזשאַרעט, צוטראָטן
די בוימלעך, די קוויטן.
עס איז בלויז געבליבן
אַ גאַנצער דער שייער,
אַ חוץ דעם איז אַלעס
אַוועק מיט׳ן פֿייער.

וואו זיינען די ספֿרים?
די בילדער? די זאַכן?
די האָלץ-שניצערייען
וואָס דו פֿלעגסט מאַכן?
פֿון דיין לעבן און שאַפֿן —
קיין אָנדענק געבליבן,
ווי דו וואָלסט אַלץ גענומען
אין קבר אין טריבן.
עס האָבן די שותּפֿים —
דער פֿייער און טויט,

פֿאַרניכטעט אי דיר,
אי וואָס דו האָסט געבויט!
און אַלץ וואָס מיר האָבן
מיט ליבע געמאַכט,
האָט דאָך דער פֿייער
צושטערט יענע נאַכט!

און ווען דו האָסט געלעבט
האָט אַלעס געלעבט!
מיט דיר האָבן אַלע
צו העכערס געשטרעבט!
און די שיינע משפחה
וואָס דו האָסט פֿאַרזייט —
איז איצטער צופֿאַלן,
צוזייט און צושפּרייט!...

פֿאַרנעמען דיין פּלאַץ
וועט שוין קיינמאָל ניט קיינער!
וועסט אייביק פֿאַרבלייבן
איינער... נאָר איינער!
די גרוב — אָט די פֿרישע,
אזוי טיף, אזוי קאַלט,
זי וועט ניט באַהאַלטן
דיין ליכטיק געשטאַלט!

ניין, ניטאָ מער דער גייסט,
די ליד און די פֿרייד!
זינט דו ביזט אַוועק
איז צעריסן די קייט!
עס קלאָגן די ווערבעס,
עס בענקט יעדער פּלאַנץ,
יתומים געבליבן —
אַוועק איז דער גלאַנץ!

אַלץ שטייט איצט פֿאַר׳יתומ׳ט,
פֿאַרגליווערט, פֿאַרגעלט! —
די לאָנקעס, דאָס וועלדל,
די פּאַשע, די פֿעלד!...

* *

איך וועל ניט פֿאַרגעסן
די פּיינלעכע שעה!
יתגדל ויתקדש
שמה רבה — — — — — — —

פֿאַראַן מענטשן —

(שטריכן פֿון מיין פֿאָטער ע״ה)

פֿאַראַן מענטשן וואָס שטערבן צו לעבן
און מענטשן וואָס לעבן צו שטערבן —
נאָר ער האָט געהאָפֿט און געשטרעבט
און האָט אַזוי ווייניק געלעבט.

פֿאַראַן מענטשן וואָס גיבן און נעמען,
און מענטשן וואָס אַלס נעמער זיי שמ׳ען!
ער — אין דער שטיל נאָר געגעבן,
דאָס — די פֿרייד פֿון זיין לעבן!

פֿאַראַן מענטשן — די ערשטע אין רייען,
צוליב כּבוד זיי טומלען! זיי שרייען!
נאָר ער איז געווען באַשיידן —
„זאָלן די אַנדערע ריידן!״

פֿאַראַן מענטשן וואָס הייסן נאָר יענעם!
זיך — דעם גן־עדן! יענעם — גיהנום!
נאָר ער — זיין שטאָלץ שטיל פֿאַרבויגן —
„ס׳איז יעדערער גלייך אין גאָט׳ס אויגן!״

פֿאַראַן מענטשן וואָס גלייבן: דער אמת צו הארב!
בעסער דער ליגן, דער ליגן האָט פֿאַרב!
ער — געליבט דעם אמת אַליין!
אמת נאָר האָט דעם אמת׳ן חן!

מיינע לידער

(נעקראָלאָג נאָך מיינע לידער און שריפטן, וועלכע זיינען פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט מיין פאַרם אין קעטסקיל, ניו־יאָרק, מאַי, 1940)

1

אָ, לידער, מיינע לידער,
איך דערקען דאָך אייך ניט מער!
זייט איר דאָס יענע לידער
פון געלעכטער און פון טרער?

זייט איר דאָס יענע קווייטן
וואָס איך האָב קולטיווירט?
די הארציקע געזאַנגען
וואָס האָבן אינספּירירט?

קוילן, שוואַרצע קוילן,
אַש און שטויב און ערד, —
דאָס זייט איר איצטער, לידער,
פון פייער־פלאַם צעשטערט!

עס ווילט זיך מיר ניט גלייבן,
נאָר גלייבן מוז איך פאָרט!
איך האָב דאָך אייך געשאַפן
טאַקע אויף דעם אָרט.

דאָ — געווען מיין בעט, מיין לאַמפּ,
און דאָ — מיין טיש, מיין פען!
איצט איז אַלץ פאַרשוואַרצט, פאַרוויסט,
ווי קיינמאָל ניט געווען!

אַט דאָ צווישן הימל־ערד
אין בלוי, אין גרין, אין רויט —
האָב איך מיט אייך געזייט, געפֿלאַנצט,
האָב איך מיט אייך געבויט!

איצט שטיי איך אַ פֿאַרגליווערטער,
פֿאַרשטיינערט, און איך טראַכט:
פֿון די יוגנד טעג און נעכט
צוזאַמען דאָ פֿאַרבראַכט.

פֿאַרברענטע טעג, פֿאַרקוילטע נעכט
ווי איר — אין אַש אַט־דאָ,
איז מיר אומעטיק און שווער
אַז איר זייט מער ניטאָ!

דאָך וועט איר אייביק לעבן
אין מיין יעדן גליד!
איך וועל אייך ניט פֿאַרגעסן
ביז מיין לעצטער ליד.

2

ווען מיין האַרץ האָט גע׳יובל׳ט,
געברויזט און געשטורעמט,
האָב איך אייך געשפּונען,
האָב איך אייך געפֿורעמט!

געטאַקט און געשליפֿן
מיט גייסטיקן פֿייער!
מיט גלויבן און האָפֿן
אין אַ וועלט אין אַ נייער!

מיט האַרץ און נשמה,
אין לייד און אין פֿרייד,
האָב איך אייך לידער
מיט אַ תּפֿילה פֿאַרזייט!

און איר האָט געבליט
אַזוי ווי די קווייטן,
ווי פּירות אויף בוימער,
ווי גרינסן אויף בייטן.

ווי גראָזן אויף לאָנקעס,
ווי זאַנגען אויף פֿעלדער,
ווי פּאָזשעמקעס רויטע
לעבן מאָכיקע וועלדער.

איך האָב אייך מיט פֿייער
געשאַפֿן, געבוירן,
און האָב אייך אין פֿייער
אויף אייביק פֿאַרלוירן!...

אויף געלעכטער

א. הומאָר

ב. סאַטירע

ג. שטיפּריי

ד. שאַרזש

וואונדערלאַנד

(מיין ליבן חבר יאַשאַ גאָרעליק — אַ מתנה)

עס איז אַ לאַנד
מיר גוט באַקאַנט:
אַ גרויסע לאַנד!
אַ וואונדערלאַנד!

אַ העלדיש לאַנד —
עס איז דאָס לאַנד!
און אַלץ גייט דאָרטן
האַנט און האַנט.

און דער וואָס האָט
פֿאַרשפּרייט דעם „בראַנד",
כאַפּט דעם בראַנד
דאָרט נאָכאַנאַנד!

אים ווילט זיך האָבן
נאָר דעם שמאַנט,
אָט דעם פּאַיאַץ,
דעם קאָמעדיאַנט.

נאָר דאָס לאַנד
זי קעמפֿט גאַלאַנט!
און זי דריקט אים
צו דער וואַנט.

און דאָס לאַנד
דאָס וואונדערלאַנד
האַלט די וועלט
פֿאַרגאַפֿט, געשפּאַנט!

און זי טרייבט דעם
פוסטן פּראַנט
אין זיין אייגן
נאַצי־לאַנד.

און זי קלאַפּט אים
נאָכאַנאַנד!
און ער שלאָגט זיך
קאָפּ אָן וואַנט!

אַ ליבע „בלעקאַוט״

אַראָפּגעלאָזט די שוואַרצע אויגן,
אויסגעלאָשן יעדע ליכט;
אַפילו אויך דעם העלן שמייכל,
אויף איר ליכטיקן געזיכט.

די קאָראַלן־רויטע ליפּלעך —
קאָקעטיש־ברוגז׳דיק פאַרמאַכט,
און דעם פייער אין איר הארצן,
באַלד פאַרטונקלט ווי די נאַכט.

נאָר ביי אים האָט אָט דער „בלעקאַוט״
דווקא גאָר געפונען חן;
און ער האָט זיך אין דעם חשך
איינגעגעבן מיט די ציין...

ער האָט מורא פאַרן „דרעפּט"

ס'איז יאָסל אַ טויבער
אַזוי ווי די וואַנט,
און עס ציט אים אַ פוס
און עס דרייט אים אַ האַנט.

ער האָט ניט קיין ציינער
און זאַאיקעט זיך שטאַרק,
און אַ חוץ דעם — אַ האָרב
ער האָט אויפן קאַרק.

ווערט צושמאָלצן פון היץ
און פאַרפרוירן פון קעלט,
און ס'רינט אים אַן אויג
און אַן אויער אים פעלט.

אויך אַ ביסל רומאַטעס
און אַסטמאַ גאָר פיל,
און עס קלאַפּט אים דאָס האַרץ
אַ ביסל צו שטיל.

הכּלל, אַלע „מעלות",
עס איז ניט געשפּאַסט,
דאָך איז דער „דרעפּט"
ביי אים שטאַרק פאַרהאַסט.

ער זאָרגט זיך, ער ציטערט,
אַזוי ווי אַ בלאַט:
„איר דענקט מ'עט מיך נ־נ־עמען
פאַר אַ ס־ס־אַלד־אַ־אַ־ט?"...

האָט רחמנות!

(אַן אויפרוף צו דער וועלט, לויט געבעלס' אויפרוף צו די דייטשן אין 1942)

אַ, גוטע מענטשן, העלפט די נאַצים —
עס איז זיי, נעבאך, קאַלט!
גיט זיי מייטקעס, גאַטקעס, העמדער,
עס מאַכט ניט אוים ווי אַלט!

אַלטע מאַנטלען, רעקלער, זאָקן,
אַלטע פעלצלעך, שיך;
און גיט עס שנעלער, ווייל זיי פרירן,
כאָטש זיי לויפן גיך . . .

קאָלדרעס, ספּאָדניצעס און קישענס —
אַלץ איז איצטער גוט;
העלפט זיי, העלפט זיי, האָט רחמנות,
דערוואַרעמט זייער בלוט!

עס ווייען שנייען, זאַווערוכעס —
טאָ גיט זיי וואָס איר קענט!
עס פרירן אויערן און נעזער,
וואַנצעס, פּים און הענט.

אויב איר וועט זיי באַלד ניט רעטן
פון די „רויטע וועלף"
וועלן זיי צופראָרן ווערן
ווי אין אכצן צוועלף . . .

סטאַלינ'ס העלדן זיינען שטאַרקע,
און לאַנג איז יעדער מייל!
און די רויטע באָמבעס פאַלן,
„דאָנערוועטער"! „האַיל"!

„בראַקירט"

(אַ „דרעפּט" לידל)

בעני איז פֿריילעך —
ס'האָט ענדלעך פּאַסירט:
זיין הארץ קלאַפּט „צו האסטיק",
מען האָט אים בראַקירט.

און בעני איז גליקלעך —
צעטומלט, פֿאַרווירט!
ער לויפֿט צו זיין מיידל
מיט דער בשורה: בראַקירט!

נאָר דאָס מיידל, זי איז
פֿון די „נייעס" ניט גערירט,
און זי האָט באַלד בעני'ן
אויך „הארצלאָז" בראַקירט...

פֿייער...

איך וויים, איך שפּיל זיך מיט פֿייער,
דער סוף וועט זיין שלעכט!
נאָר וואָס זאָל איך טאָן מיט מיין עלנט
אין איינזאַמע נעכט?

דאָס פֿייער וועט מיך פֿאַרברענען,
דאָס וויים איך אַליין!
דאָך ווער איך גערייצט פֿונעם פֿייער
וואָס לאָקט אַזוי שיין!

וואָס איז דען געבליבן אין לעבן
צו טאָן אויף דער וועלט?
אויב ניט דאָס פֿייער, מיין טרייער,
בלייבט אויסגיין פֿון קעלט...

צו דער וועלט

וואָס וויל מען פֿון דיר, גרויסע וועלט?
וואָס רייסט מען פֿון דיר פּאַסן?
דו ליגסט דאָך אַ צע׳מזיק׳טע —
אויף פֿעלדער און אויף גאַסן.

דו ביסט דאָך אַ צע׳הרג׳עטע,
און האַלטסט נאָר אין איין ברענען!
דיינע שיינע שטעט און שטעטלעך
איז שווער איצט צו דערקענען.

ס׳האָט דער שונא דיך פֿאַר׳מיאוס׳ט,
דיך געשענדט מיט זיינע „זיגן״ —
ביסטו איצטער, נעבעך, חושך,
אָן רייץ, קאָליר, אָן ניגון.

טאָ וואָס וועט זיין פֿון דיר דער סוף?
אָ, זאָג מיר, וועלט געטרייע;
וועסטו נאָך טויגן אויף דער וועלט,
צי דאַרף מען גאָר אַ נייע?

פֿלאַמען

די וועלט איז אין פֿלאַמען, געליבטע,
עס פֿלאַקערט אַפֿילו דער ים!
אויך מיין האַרץ איז אין פֿלאַמען, געליבטע,
און שולדיק — ביזטו אין מיין פֿלאַם.

ביזט דאַכט זיך, — אַ צאַרטע, אַ שטילע,
קענסט ניט שאַדן אַ פֿליג אויף דער וואַנט,
נאָר צינדן אַ פֿייער — דאָס קענסטו,
אויף דעם, ביזטו, ליבסטע, אַ בראַנד!...

אַרויס פֿון מיין האַרצן!

ארויס פֿון מיין הארצן!
ניט זוך דאָרט דיין גליק!
פֿארגעס מיך, פֿארגיב מיר,
ניט קום מער צוריק!

ניט קום מער, ניט וואג מער,
עס האָט דאָך קיין ציל!
א טאָג נאָך, א נאכט נאָך —
אַן ענדלאָזער שפּיל!

וואָס טויג אזא ליבע?
איך בין דאָך שוין מיד!
די עמאָציעס — געבונדן!
די הערצער — געשמידט!

ארויס פֿון מיין הארצן!
— — — — — — — —
ניין, בלייב נאָך מיט מיר!
ס'איז ליב מיר אזוי
צו ליידן מיט דיר!...

סילינגראַמען

צו בויען א הויז,
מ'דארף היינט ניט פֿיל;
אלץ וואָס מען ברויכט איז —
ווענט און א דיל.

מ'דארף זיך דערצו נאָר
געבן א נעם!
א „סילינג" גיט שוין
„אנקל סעם"...

איינס און צוויי

איך און צוויי מיידלעך —
צוויי שוועבנדע ספערן,
שפאצירן געארעמט,
באטראכטן די שטערן.

די נאכט איז א שטילע —
עס זינגען נאר גרילן,
און עפעס א בענקשאפט
באוועגט די געפילן!

און ביידע — זיי זיינען
ווי בליענדע רויזן!
מיט יוגנט, מיט ליבע,
זיי זידן! זיי ברויזן!

די נאכט איז ראמאנטיש
און ליב האב איך ביידן,
נאר ס׳וואלט ניט געשאדט איצט
מיט איינער זיך שיידן.

טו, גאט, מיר א טובה,
איך בעט דיך — א קליינע,
און מאך אז פון ביידן
זאל ווערן איצט איינע...

אין די קעטסקיל בערג

יונגע, אַלטע,
הייסע, קאַלטע,
קומען אין די בערג!
דאַרע, פּעטע, בלאָנד, ברונעטע,
זשומען אין די בערג!

מיידלעך שיינע, הויכע, קליינע,
פאָרן אין די בערג!
טענצער, שפּרינגער,
שרייער, זינגער,
שנאָרן אין די בערג!

פליכעם גלאַנצן,
פּיסלעך טאַנצן,
הוליען אין די בערג!
מענטשן־כוואַליעס,
פּרויען־טאַליעס,
שוועבן אין די בערג!

שוועבן, לעבן, לעבן, שוועבן,
ס'פלאַקערט און עס ברענט!
שפּילט מען קאָרטן
שטענדיק דאָרטן,
מ'דאַרף וואָס מערער „הענט" . . .

דאַטשניקעס

(נאָך ביאַליק׳ס „אונטער די גרינינקע בוימעלאַך״)

אונטער די געדיכטינקע קוסטיקלאַך
פֿאַרברענגען זיך דאַטשניקעס לוסטיקלאַך;
דריקן זיך היים פֿאַר די הענטעלאַך,
זשאַלעווען ניט קאָמפּלימענטעלאַך;
שטיפֿן און טרייבן קאַטאַוועסלאַך
און קוויקן זיך מיט הייסע מחשבות׳לאַך;
ליגן אַן שיך און אַן זעקעלאַך
און קושן זיך ליב אין די בעקעלאַך...

איין זאַך פֿאַרגעסן זיי — זאָרגעלאַך,
דאגה׳לאַך, יאָכעלאַך, מאָרגעלאַך,
אין וועלדלאַך, וועגעלאַך, שטעגעלאַך,
דאָס גלעקעלע זאָרגט פֿאַר די מעגעלאַך.
לעבן זיך גוט ווי די טייבעלאַך
און סמאַליען זיך אויסעט די לייבעלאַך!
און ווינקן זיך איבער מיט חנ׳דעלאַך
און רוען זיך אויסעט די ביינדעלאַך...

ער און זי

זי האָט פֿערגעטערט די נאַטור,
פֿערהערלעכט בארג און טאָל!
פֿאַר פֿעלד און וואַלד און הימל־בלוי
געווען איז זי נתפּעל.

נאָר אים, איר מאַן, האָט ניט באַוועגט
קיין לאַנדשאַפֿט — געטלעך־שיין;
פֿאַרוואָס זי ווערט אַזוי ענטציקט
ניט געקענט פֿאַרשטיין.

„איך זע ניט איין״, האָט ער געזאָגט,
„ס׳איז די זאַך מיר קלאָר ניט״ —
נעם צו דעם הימל, בארג און טאָל,
ט׳בלייבן פּשוט גאָרניט...״

כ׳ליב דעם זומער

כ׳ליב דעם זומער, ליב די היצן,
און די דונערן און בליצן!
מעג עס קראַכן, מעג עס קנאַלן,
מעג אַ שטאַרקער האָגל פֿאַלן!

כ׳ליב צו זען ווי דער רעגן
פֿרישט און זעטיקט פֿעלד און וועגן,
און דער פֿאַרביק רעגנבויגן
בלענדט און כּישופֿ׳ט פֿאַר די אויגן.

כ׳ליב דעם זומער — אייביק-נייער;
זומער פֿיל איך ייִנגער, פֿרייער!
עפּעס דוכט מיר: איך וואָלט שוועבן;
עפּעס מאָניעט, ציט צום לעבן!

כ׳ליב צו הערן רויש פֿון זאַנגען.
ס׳האַלט די נאַכט מײַן האַרץ געפֿאַנגען;
און די שטערן און די גרילן
שפּילן זיך מיט די געפֿילן...

כ׳ליב דעם זומער, ווי די מיידלעך
אין די לײַכטע זומער קליידלעך —
ביידע, ביידע ליב און טײַער;
ביידע צינדן אָן אַ פֿײַער...

ניטאָ קיין מזל!

מיין חבר און קאָלעגע אַ. לוצקי — אַ מתנה

זי'ט פֿאָרן אויף דאַטשע:
כ'וויים, אפֿשר ט'זיך מאַכן?
ס'טרעפֿן אַזעלכע זאַכן.
ווער קען וויסן?
זי'ט נאָך אפֿשר געניסן
ווי איר חבר'טע, די בראַנד:
געפֿאָרן — אַליין,
געקומען — באַנאַנד.
און וואָס זעט מען אויף איר?
מיאום אָן שיעור!
מזל!

איינגעפּאַקט זיך
און — געפֿאָרן!
ס'לויפֿט דער באַן
ווי אירע יאָרן...
טראַ־טאַ־טאַ———
טראַ־טאַ־טאַ———
ס'איז אוים שאַפּ,
מאַשין, הו־האַ!
בערג און טאָלן,
וואַלד און פֿעלד—
אַזאַ שיינע, גרינע וועלט!
אַזאַ הימל, אַזאַ רוים—
ס'דוכט זיך איר:
ס'איז אַ טרוים...

אַ מחיה!

אָנגעקומען!
אויפֿגענומען!
פֿאַרגעשטעלט!
אַ לעבעדיקע וועלט!
ממש אַ גן עדן!

נאָר ניטאָ מיט וועמען
דאָ צו ריידן.
קאָרטן... עסן...
און ניט מער.
אַזוי אומעטיק און שווער!

ס'האָט ערשט אַ מאַן
גענומען איר
פֿאַר אַ שפּאַציר
נאָר ער איז ניט פֿאַר איר!
אָ, ניין!
ער איז טאַקע קלוג און שיין
נאָר זי וועט מיט אים ניט גיין!
ערשטנס — זוכט ער צייט פֿאַרטרייב,
צווייטנס — האָט ער גאָר אַ ווייב,
דריטנס — פֿאַלש זיין קאָמפּלימענט,
פֿערטנס — האָט ער לאַנגע הענט...

ניטאָ קיין מזל!

אָ, יענער קוש!

כ'האָב פֿילע מיידלעך שוין געקושט,
און פֿילע מיידלעך מיך,
נאָר דעם טעם פֿון יענע קוש
פֿאַרגעסן לאַנג האָב איך.

איין קוש וועל איך געדענקען בלויז,
געדענקען מיין גאַנץ לעבן!
אָ, יענעם כּשוף'דיקן קוש
וואָס „זי" האָט מיר געגעבן.

אָ, יענער קוש, אָ, יענער קוש,
איך קען אים ניט פֿאַרגעסן!
צוליב, אָ, יענעם הייסן קוש
איצט שרייען קינדער: „עסן"...

זי האָט קיין צייט ניט

שטענדיק לויפֿט זי, שטענדיק איילט זי,
אַלע מאָל איז זי פֿאַרשוויצט!
ז׳האָט קיין צייט ניט, זי׳מוז לויפֿן,
נאָר זי זעצט זיך און זי זיצט

ניין, זי קען מער ניט פֿאַרברענגען,
ס׳טוט איר זייער, זייער באַנג!
ס׳וואַרט דער מאַן דאָרט, מיט די קינדער —
נאָר זי זיצט אַפֿ שטונדן לאַנג...

אַלע מאָל אויף הייסע קוילן,
ס׳איז קיין צייט ביי איר ניטאָ;
האָט געזאָגט „אַ גוטע נאַכט" שוין,
נאָר זי בלייבט נאָך אויף אַ שעה...

שטענדיק קוקט זי אויפֿן זייגער,
שטענדיק שטייט זי אויפֿן וועג,
זי קען אַפֿילו זיך ניט זעצן —
און — זעצט זיך באַלד אַוועק...

זי וואָלט זיכער נאָך געזעסן,
זי וואָלט זיכער מער פֿאַרבראַכט,
נאָר זי דאַרף נאָך ערגעץ גיין היינט —
און — זי בלייבט ביז האַלבע נאַכט...

אָט דאָס הייסט טאַלאַנט!

זי זאָגט מיר: „איך האָב ליב דיינע לידער,
דו שרייבסט זיי טאַלאַנטפֿול, מיט האַרץ!
און לעז איך די לידער — מיר דוכט זיך
מיין לעבן איז מערער ניט שוואַרץ".

גיב איך אַ קוש איר פֿייערדיק-הייס,
און טאַקע מיט ה אַ ר ץ, ווי איך קען!
זאָגט זי: „ביזט, בחור, אַ גרויסער טאַלאַנט!
נאָר אויף ק ו ש ן — אַ גרעסערער ברען!..."

דער „גרויער" גזלן

איך האָב אַ „גרויען" גזלן
דערזען אויפֿן קאָפּ —
און אַנזאָג אַז איך גיי שוין
מסתמא בארג אַראָפּ...

האָב איך דעם „גרויען" גזלן
אַרויסגעריסן באַלד!
איז און אַנדערער געקומען
העזה'דיק און קאַלט!

נאָר איך האָב געפּליקט, געריסן,
ביז — כ'בין געוואָרן מיד!
ס'זיינען נאָך און נאָך געקומען
ווי צו אַ יאַריד...

אָך, דער שפּיל איז פֿאַרן טייוול!
האָב איך זיך געטראַכט,
און איך האָב דעם „גרויען" גזלן
מערער ניט באַוואַכט.

*　　　*

איצט בין איך שוין צוגעוואוינט,
פֿאַרהאַרטעוועט, עס שיינט,
און מיטן „גרויען" גזלן
ג'וואָרן גוטע פֿריינד...

דיין ליבע

צום ערשטן — דיין ליבע
געוועזן אַ קייט!
צערייסן איר האָט נאָר
געקענט בלויז דער טויט.

שפּעטער — דיין ליבע
געוואָרן אַ שטריק,
און האָט זיך געוואַקלט
אַהין און צוריק.

נאָך שפּעטער — געוואָרן
ווי פּאָדים די דין,
ווי זיידנס כּמעט,
ווי שפּינוועבס פון שפּין.

איצט — הענגט דיין ליבע
אויף אַ „האָרעלע” בלויז,
איין בלאָז, איין באַריר,
און — די ליבע איז אויס . . .

אוי, מיין מזל!

אוי, מיין מזל, אוי, מיין מזל,
ס'איז קיין גליק מיר ניט באַשערט!
וואָס איך זאָל ביי גאָט ניט בעטן
גיט ער אַלץ מיר פּונקט פאַרקערט.

בעט איך זונשיין, קריג איך רעגן,
זוך איך ליבע, קריג איך האַס,
רייד איך האַרציק פול מיט ערנסט,
מיינט מען אַז איך טרייב בלויז שפּאַס.

גייט מיר אַלעס קידער-ווידער,
לויף איך וואַרפן זיך פון בריק,
נעמט מיר שווינדלען פאַר די אויגן —
לויף איך באַלד אַהיים צוריק.

און איך כאַפּ מיר גלייך די „געז פּייפּ”:
דאָ איז זיכער שוין מיין סוף!
ווער איך תּיכּף אַרעסטירט גאָר
און באַקום אַ חודש שטראָף...

זע איך אַז מען לאָזט ניט שטאַרבן,
כ'וועל ניט קומען צו קיין ברעג!
האָב איך גאָר געהייראַט באַלד
און — זאָל זיין אַ סוף, אַן עק!...

די מאָדערנע מאַמע

מיין שכנה האַלט זיך זייער יונג,
כאָטש זי איז פופציק יאָר,
און חנ׳דלט זיך צו יונגעלייט,
טראָגט אירע גרויע האָר.

זי טאַנצט, זי שפרינגט, זי קאָקעטירט
און פירט ראָמאַנען פיל;
זי פאַרבט די ליפן, פאַרבט די האָר,
האַלט אָן איר יוגנט־שפיל.

מיין שכנה איז אַ פרוי פון היינט,
מאָדערן, אַלאַ־מאָד:
שפילט „גאָלף״ און „ברידזש״ און רויכערט, קייט,
און גייט אין „נייעם טראָט״...

זי קליידט זיך אין קאָלירן פיל,
וואָס זאָלן זי מאַכן יונג:
די הויכע שיך, די קורצע קלייד
גיבן איר צו שוואונג.

קאָפירט די יונגע נאָך אין אַלץ,
מאַכט יעדע נאַכט אַ „דעיט״;
ווען אַ קאָזאַק הערט איר שפּראַך,
געוואָרן וואָלט ער רויט...

און אַז איר טאָכטער לאַדט ווען איין
אַ יונגנמאַן אין הויז,
פאַלט דער בחור ווי אַ סנאָפּ
און — נעמט דער מאַמען אויס...

דער באַשיידענער בחור

חיים איז אַ וואוילער בחור —
פֿול מיט מעלות, איידל,
נאָר איין חסרון האָט ער:
שעמט זיך פֿאַר אַ מיידל...

צו פֿרויען צו באַשיידן —
דאָס איז זיין חסרון;
ער האָט שוין ניט איין מיידל
צוליב דעם פֿאַרלוירן.

ער רויכערט ניט און שפּילט ניט,
טרינקט ניט קיין געטראַנקען,
נאָר שטילערהייט ער זינדיקט
צו מיט די געדאַנקען...

און מיידלעך ליבט ער דווקא —
זיינען ליב אים, טייער!
ער וואָלט זיי אַזוי ליבן —
האָלט ער איין זיין פֿייער!

אַט זיצט ער מיט אַ מיידל —
אויגן — ווי סאַפּירן!
און ער — אַזאַ שלומיאל,
מ'קען דאָך אַזש קראַפּירן!

אַ, גיב אים, גאָט, צו העזה,
זאָל דער בחור לעבן!
אויב ניט, וואָס טויג דער פֿייער
וואָס דוס'ט אים געגעבן?

בעסער שיק אים צו אַזאַ
וואָס זאָל אים קענען נעמען!
זאָל אים מאַכן אַגרעסיוו —
ער זאָל זיך מער ניט שעמען...

צוליב דער מלחמה

ניטאָ מער קיין „זומער־ראָמאַנען״:
קיין פּאַרלעך, קיין ליבע, קיין היץ!
ס׳איז שטיל איצט אין קאַנטרי האָטעלן
אוועק איז דער אימפּעט, דער בליץ.

די בוימער, די קוסטעס, די לאָנקעס —
פאַרגליווערט, באַוועגלאָז און שטיל . . .
און ס׳בענקען די מיידלעך, די פרויען
נאָך יענע מינוטן פון שפּיל...

שטאָט פלאַמיקע קושן — גאָר באָמבעס
ווארפן די מענער דאָרט ווייט —
ניטאָ מער די יוגנט, ראָמאַנטיק,
ניטאָ יענע נעכט, יענע צייט.

נאָר אָמערגסטן עס פּילן די פרויען:
קיין נחת פאַר זיי ניט פאַראַן!
מוזן, נעבאך, צוליב דער מלחמה
גאָר ליבן דעם אייגענעם מאַן...

פּ ע נ י און ב ע נ י

ער האָט פּעני׳ן פאַרגעטערט!:
„ביזט ליב מיר און טייער!
איך וואָלט פאַר דיר שפּרינגען
אין וואַסער, אין פייער!״

„ניין, ניין, ניט אין וואַסער!״
געזאָגט האָט זי בענען,
„פאַר מיר וועט גענוג זיין
אַז דו וועסט נאָר ב ר ע נ ע ן...״

מיינע געליבטע

מיין ערשטע געווען
נאאיוו ווי א קינד,
איך וואלט זי געהייראט
ווען זי איז ניט בלינד.

מיין צווייטע געליבטע
געווען א פארשוין!
ווען ניט איר חסרון
א מויל פאלשע ציין.

מיין דריטע געליבטע
געווען איז א בראנד!
נאר עס האט איר געפעלט
א פוס און א האנט.

מיין פערטע געליבטע
געווען אן מום,
א מיידל מיט מעלות —
געווען איז זי שטום . . .

פון אלע פיר מיידלעך,
געהייראט, די פערטע,
ענדלעך, האט גאט מיר
דערלאנגט — מיין באשערטע! . . .

מאָדערן

(נאָך מיכל קאַפּלאַן)

כ'ליב דיך, מיידל, מילד ווי פֿרילינג,
פֿריש ווי רוישנדיקער קוואַל!
דיינע אויגן — צערטלעך, גלעטן,
און דיין שטים — אַ נאַכטיגאַל!

בין איך, אָבער, אוי, אויף צרות,
קאָן ניט הייראַטן מיט דיר...
שווער דער יאָך, דער לעבנס-מיטל,
עס איז, ליבסטע, ניט פֿאַר מיר!

טאַ גיב מיר גאָר אַ קוש, געליבטע,
(האָסט עס דאָך אַליין ניט פֿיינט)
און לאָמיר בעסער גאָר פֿאַרבלייבן
אייביק, אייביק גוטע פֿריינד!

אויף וואַקאַציע

פֿאָר איך אין די בערג אַוועק,
טרעף איך דאָרט אַ מיידל;
אויגן שוואַרצע ווי די נאַכט,
יונג איז זי, און איידל.

נעם איך זי אויף אַ שפּאַציר,
רעדן מיר אָן ווערטער...
טוליעט זי זיך צו צו מיר:
„דו ביסט מיין באַשערטער!"

זעצן מיר זיך צו אין וואַלד;
מיטאָג — גאָר פֿאַרגעסן;
הייסע בליקן זיינען שפּייז,
זעטן מער ווי עסן...

נאָר די טעג פֿאַרגייען גיך —
פֿאָרט אַהיים מיין טרייע;
גיב איך איר דעם לעצטן קוש —
און זוך מיר באַלד אַ נייע...

מיין פריינד

עס איז דאָ איין מענטש אויף דער וועלט,
וואָס וויל מיך פֿאַרשטיין:
דאָס איז קיין אַנדערער —
ווי איך אַליין...

עס איז דאָ איין מענטש אויף דער וועלט,
וואָס וויינט ווען איך וויין;
דאָס איז קיין אנדערער —
ווי איך אַליין...

עס איז דאָ איין מענטש אויף דער וועלט,
וואָס ליבט מיך אמת׳דיק, ריין;
דאָס איז קיין אנדערער —
ווי איך אַליין...

עס איז דאָ איין מענטש אויף דער וועלט,
וואָס זאָגט איך שרייב שיין;
דאָס איז קיין אנדערער —
ווי איך אַליין...

אַ יונגער דיכטער

יוד — אַ יונגער דיכטער,
אין דיכטונג — ניט אין יאָרן,
ווייל וואָס איז שייך יאָרן —
איז יוד שוין לאַנג געבוירן.

טעס — אַ יונגער דיכטער,
אין דיכטונג, ניט אין יאָרן;
ווייל וואָס איז שייך דיכטונג —
איז טעס נאָך ניט געבוירן...

דער „קולטורניק"

אַ פּראָסטער ייִד איז מענדל בכלל,
ער האַלט, אָבער, שטאַרק פון קולטור-אידעאַל.

דערהערט ער קולטור — לויפט ער געשווינד!
קולטור איז ביי אים ווי אַן אייגענע קינד.

פאַר לערע, פאַר וויסן — האָט מענדל פיל אַפּשיי!
„אַ נאָבעלע אַרבעט קולטור-טרעגעריי!"

העלפט ער די „טרעגער", גיט געלט גאָר אַ סך!
„איט איז איי גוד קאָז", עס איז פאַר דער זאַך.

העלפן פאַרשפרייטן אַ צייטונג? זשורנאַל? —
אויף דעם איז ער גרייט, אַבי פאַרן כלל!

צו גרינדן אַ שול? פאַרקויפן בילעטן?
אַבי נאָר — קולטור — ער לאָזט זיך ניט בעטן!

דערזעט ער אַ בוך ביי איינעם אין האַנט,
ווערט באַלד דער מענטש אים אינטערעסאַנט!

וויבאַלד נאָר אַ בוך — איז שוין גוט און פיין!
מעג אַפילו דער בוך אַ „קאָך-בוך" גאָר זיין.

אַזוי פירט זיך מענדל אויף זיין פשוטן אופן!
און איז גרייט פאַר קולטור אין פייער צו לויפן!

און וואָס איז קולטור? — ער ווייס ניט אַליין!
„ס'איז עפּעס, יו נאָו... אַזוינס וואָס איז שיין!

ס'איז עפּעס... יו נאָו... פאַרבונדן מיט קאָפּ",
ערקלערט מענדל דעם ענין מיט פייער, מיט טראָפּ!

און ער זוכט ניט קיין כבוד, דאָס גייט אים ניט אָן!
ווי קומט צו אַ פּראָסטן דער אויבנאָן?

ער איז ניט קיין גדול, אַ פּראָסטער סאָלדאַט,
נאָר אויב ס'איז קולטור — איז „אַוואַדע, וואַינאַט!"

לעבן

פֿאַראַן נאָר איין לעבן אין לעבן,
איין שטיקל לעבן,
לאָזט מען ניט לעבן
ווי מ׳וויל לעבן,
מאַכט מען דאָס לעבן
פֿינצטער און ביטער!
לעבט מען אַ לעבן
אין מורא, אין ציטער!
און אַ צווייטן לעבן
וויל מען ניט געבן,
כאַטש צי זיך אוים!
כאַטש נעם און גיי אוים!

פֿאַראַן נאָר איין לעבן
אין מענטשלעכן לעבן,
פֿאַרגינט מען ניט ס׳לעבן
דאָס שטיקעלע ברויט!
נאָר מ׳שלאָגט זיך פֿאַרן לעבן
אויף לעבן און טויט!
און אַזוי גייט דאָס לעבן
ביז — ס׳לעבן פֿאַרגייט...

פֿאַראַן נאָר איין שטיקל לעבן,
איין נישטיק לעבן,
וויל דערפֿאַר קיינער
קיין פּרוטה ניט געבן...
— אויך מיר אַ לעבן!

דאָך טראָץ אַלע זאַכן —
ווילט זיך לעבן און לאַכן,
און בויען און וועבן
אַ לעבעדיק לעבן!

אָך און ווײ

„אָך און ווײ"
האָבן זיך באַגעגנט
אויפֿן גאַס.
מאַכט „אָך" צו „ווײ"
אַזוי אויף שפּאַס:
„דיר, ברודער „ווײ"
איז גוט,
דו דאַרפֿסט מיך
אויף כּפּרות,
נאָר איך אַן דיר
כ'בין אויף צרות...
איך זיפֿץ מיר היינט,
איך זיפֿץ מיר מאָרגן,
און בלייב אַלץ איינס
מיט מיינע זאָרגן...
אָבער דו קענסט
אויסקומען אָן מיר.
דו גיסט אַ זיפֿץ:
ווײ, ווײ, ווײ,
ווערט באַלד לייכטער דיר
אַזוי!"

מאַכט „ווײ" צו „אָך",
„ווײ, ווײ, ווײ,
זײ מיר ניט מקנא „אָך",
ס'איז אונז ביידען דאָך
„אָך" און „ווײ"!"

צו אַ מיידל

איך בין ניט רייך, איך האָב קיין געלט,
איך מוז עס דיר דערציילן,
איך האָב אין טרוים אַ פלעשל ווײַן —
וועל איך זיך מיט דיר טיילן!

און ווילסטו אויך אַ שטיקל פלייש —
איך האָב עס אין סאָנעטן.
נו, וועל איך טיילן זיך מיט דיר —
מיט גייסטיקע קאָטלעטן.

און צוליב ליבע בין איך גרייט
אַפילו בולבעס שיילן;
נאָר טאָמער האָסטו „קעש”, געליבטע,
לאָמיר זיך צעטיילן...

צו שפּעט

אַ שטעלע געפינען
געלאָפן העט-העט,
ביז איך בין געקומען —
געווען שוין צו שפּעט.

איך האָב זיך אַמאָל
אויף אַ פערדל געוועט,
נאָר ער איז דערלאָפן —
אַ ביסל צו שפּעט.

מיין פריינד האָט געגעסן
אַ פעטן קאָטלעט,
געשיקט נאָכן דאָקטער,
נאָר געווען שוין צו שפּעט.

כ'האָב אַ מיידל געליבט,
פאַנטאַזירט און גערעדט —
ביז איך האָב זיך דערפרעדט
איז געווען שוין צו שפּעט...

...איז וואָס?

און אַז דו טראַכסט,
איז וואָס?
און אַז דו בענקסט,
איז וואָס?
אַז מיר זיינען
ווי די רעדער פון אַ וואָגן:
קאָנען איינס דאָס צווייטע
ניט דעריאָגן.

און אַז דו ליבסט,
איז וואָס?
און אַז דו ליידסט,
איז וואָס?
אַז מיר זיינען
ווי אַ ראַדיאָ וואָס שרייט:
דוכט זיך — נאָענט
און דאָך — ווייט...

פאַרוואָס ניט יעצט?

ביזטו מיר אַ פריינד אַ טרייער,
מיין פריינדשאַפט, זאָגסט, דו שעצסט?
טאָ שעץ ניט אָפּ מיך מאָרגן,
נאָר שעץ מיך אָפּ אַט יעצט!

און ווילסט מיר שיקן בלומען,
כ׳זאָל געערט זיין און געשעצט?
ניט שיק זיי אויף מיין קבר
נאָר גיב זיי מיר אַט יעצט!

און ליבסט מיך, מיידל, ליבע,
פאַרגעטערסט מיך און שעצסט?
לייג ניט אָפּ דיין קוש אויף מאָרגן
נאָר גיב אים מיר אַט יעצט!

הומאָריסטישע
רעציטאַציעס

אַ בריוו צו אַנקל סעם

מיין האָכגעשעצטער אַנקל סעם,
איך וויל דיר לאָזן וויסן,
אַז איך בין גרייט צו העלפֿן דיר
מיט מיין לעצטן ביסן.

איך ווייס, דו דאַרפֿסט איצט האָבן געלט
צו פֿירן די מלחמה—
איך וואָלט געוויס אַ „באָנד" געקויפֿט,
נאָר כ'ליג אין דער אדמה...

איך קען ניט אָפּשפּאָרן קיין סענט
אַ שטיקל באָנד צו קויפֿן,
נו, וועל איך דיר אַרויסהעלפֿן
אויף אַן אַנדער אופֿן.

איך וועל ניט לאָזן פֿאַלן דיר,
איין גאָט ווייס מיין כוונה!
האָב איך באַשלאָסן שענקען דיר
מיין ווייב פֿאַר אַ מתּנה.

זאָל דוכטן דיר, ס'איז „לענד-ליס",
דאָס גיסטו דאָך אַליין;
און טאָמער גיסטו מיר ניט אָפּ,
מאַכט אויך ניט אויס, אַז ניין.

זי וועט דיר שפּאָרן אויף געווער,
אויף ביקסן און האַרמאַטן;
אַז זי'ט דערלאַנגען נאָר איין פּאַטש —
איז באַלד נאָך די סאָלדאַטן!

מיין ווייב האָט ליב צו קריגן זיך,
נעמען נאָר נקמה!
שוין דרייסיק יאָר אַז זי האַלט אַן
קעגן מיר מלחמה.

זי איז שוין צוגעוואוינט דערצו,
אַ זעלנערין פֿון יאָרן;
ווען דו האָסט זי ביז אַהער,
וואָלסטו שוין ווייט פֿאַרפֿאָרן!

קוים האָסטו נאָר מיין פלונית׳טע,
דאָן האָסטו אַמוניציע!
זי וועט דיר גלייך פֿאַרבעסערן
דיין איצטיקע פּאָזיציע.

אויגן האָט זי — האַנט־גראַנאַטן!
פֿייער, בליץ, גיהנום!
און אַז זי דערלאַנגט אַ קוק,
איז אָך און ווי צו יענעם!

היינט איר מענה־לשון, אָנקעל,
איז גאָר ניט צו באַשרייבן,
פֿאַלט מען אין איר פּיסק אַריין,
איז לעבן שווער צו בלייבן!

אַז מיין בריינע ווערט אין כעס,
פֿליען טעלער, גלעזער!
זי דאַרף קיין ביקס ניט, נאָר אַ טאָפּ
צו טויטן יאַפּאַנעזער.

און ציינער האָט זי פֿול מיט „סקרעפּ",
מיט זילבער, גאָלד און אייזן,
דו וועסט מיט איר, מיין ליבער אָנקל,
דיין כוח ערשט באַווייזן.

כ׳האָב געהערט, אַז דו קויפֿסט שמאַלץ,
דו לאָזסט זיך געלדער קאָסטן —
אויב אַזוי איז דאָך מיין בריינע
פֿאַר דיר ווי אָנגעמאָסטן!...

איך האָף, ס׳וועט דיר די מתנה
זיין אָנגעלייגט און טייער.
זי׳ט זיין גוט אויף אַלע פֿראָנטן —
און טויגן אויפֿן פֿייער!

כ׳קען קיין באָנדס ניט קויפֿן, אָנקעל,
נאָר כ׳קען דיר מ י י נ ע געבן.
וועט זי טויטן דאָרט די נאַציס,
און מיר דאָ — לאָזן לעבן...

„בלעקאַוטס"

זינט מ׳האָט לאָמפּן אויסגעלאָשן
און די „בלעקאַוטס" איינגעפירט —
לעבן ממש אָפּ פאַרליבטע,
פון די „בלעקאַוטס" אינספּירירט!

איז איצט ביים ים און אין די פּאַרקן
אַ פינצטערניש אַ שווערע!
זינט עס איז געוואָרן טונקל —
איז קיין באַנק ניטאָ קיין לערע.

יעדער פּלאַץ איז דאָרט פאַרנומען,
יעדער ווינקל איז איצט טייער,
כאָטש די לעמפּלעך אויסגעלאָשן—
דאָך אין הארצן ברענט אַ פייער!

ברענט און פלאַקערט פון די „בלעקאַוטס",
ווי די שנאה אויף דער וועלט!
נאָר ביי ראָמאַנטיקער איז „שלום",
„בלעקאַוטס" דווקא זיי געפעלט!

אין דער פינצטער — זיי גאָר ליכטיק,
ס׳איז ניט סתם קיין מעטאַפאָר,
די וואָס ליבן — האָבן וויזיע
און זיי זען ווייט און קלאָר.

אין דער פינצטער — מ׳באַקענט זיך,
און פון הארץ, געפיל מ׳רעדט,
אין דער פינצטער דיסקוטירט מען
פריער — הייראַט, נאָכהער — גט.

אין דער פֿינצטער — ליגט אַ כּשוף,
וואָס דערהויבט און וואָס פֿאַרטראַגט!
אין דער פֿינצטער פֿליסן ווערטער,
וואָס מ׳מיינט ניט, נאָר מ׳זאָגט.

אין דער פֿינצטער — קאַסאַקע אויגן
ווערן זונען, ווערן שטערן!
אין דער פֿינצטער קען אַפֿילו
אַ בהמה מלאך ווערן . . .

און וואָס העסליך אין דער ליכטיק,
איז אין דער פֿינצטער שענער! :
אַ לאַנגער נאָז ווערט קירצער,
אַ גרויסער מויל ווערט קלענער.

אַלעס, אַלעס אין דער פֿינצטער
זעט אויס אַנדערש ווי עס איז:
אַ פֿרוי אַ יענטע — ווערט אַ טײַבל,
אַ מאַן אַ קאַרליק — ווערט אַ ריז!

הענט ווי לאַפּעס ווערן „הענטלעך",
יעדער גליד ווערט צאַרט און איידל,
אין דער פֿינצטער קען אַפֿילו
אַ באָבע ווערן מיידל . . .

זיצט אַ פּאָרל אין דער פֿינצטער —
זי איז מיאוס ווי די נאַכט!
נאָר די פֿינצטערניש באַוועגט אים,
און ער פֿליסטערט ווי פֿאַרשמאַכט:

„אָ, דו ווענוס, וואונדער־שיינע,
דיינע גלידער אויסגעטאָקט!
אַזאַ נאָז עס האָט אַפֿילו
די שיינע ווענוס ניט פֿאַרמאָגט!"

און איר נאָז — איז דווקא מיאוס,
אַזוי לאַנג און פֿלאַך און ברייט!
נאָר ס'האָט דער „בלעקאַוט" אים פֿאַר'שכור'ט,
און דעם קאָפּ אים שטאַרק פֿאַרדרייט!

נאָך אַ פּאָרל אין דער פֿינצטער
רעדן צערטליך, רעדן שיין!
און זי זעט ניט אַז דער בחור
האָט אַ פּליך און פֿאַלשע ציין...

און ער מיינט זי איז אַ מיידל,
כאָטש זי איז שוין לאַנג אַ מאַמע,
זעט ניט אירע גרויע האָר און קנייטשן,
כאָטש „באַיאָרנט" איז די דאַמע...

*　　　*

פֿאַרליבטע האַלטן, אַז סטראַטעגיש
זיינען „בלעקאַוטס" זייער קלוג!
נאָר פֿיל קליגער וואָלט געווען
ווען מען מאַכט זיי אָפּט גענוג...

„בענעפיטס"

קומט דער ווינטער — הויבט זיך אָן
טעאַטער-„בענעפיט" סעזאָן!
בענעפיטס, אוי, בענעפיטס!
הימל, ערד און בענעפיטס!
פאַר אַ קעניג אָן אַ טראָן,
פאַר אַ דענטיסט אָן אַ צאָן,
פאַר אַ שווארצן, פאַר אַ געלן,
פאַר אַ רויטן, פאַר אַ העלן,
פאַר אַ צייטונג, אַ זשורנאַל,
פאַר אַ לאַנדסמאַן, פאַרן כלל,
פאַר אַ יתום, אַ יתומה,
פאַר אַ פאַרמער אויף אַ בהמה,
פאַר אַ גרושה, אַן אַלמנה,
פאַר אַ רב און פאַר אַ נאָנע,
פאַר אַ סטרייק און פאַר אַ „פּיקעט",
פאַר אַ יידן וואָס ז-ז-אַ-אי-ק-ע-ט,
פאַר אַ באָד און פאַר אַ בעדער,
פאַר אַ וואָגן מיט דריי רעדער,
און פאַר רוסלאַנד און פאַר כינע,
און פאַר פּוילן, פּאַלעסטינע.
נאָר מען האַנדלט מיט בילעטן,
דעם און יענעם העלפן, רעטן!
און מען קען זיך ניט באַהאַלטן
ניט אין נאָרעס, ניט אין שפּאַלטן,
ניט אין קעלט און ניט אין היץ —
פון די טעאַטער-בענעפיטס.

בענעפיטס, אוי, בענעפיטס!
הימל, ערד און בענעפיטס!
קלאַפּט אַ מומע אָפּ די הענט,
קריכט אַ פעטער אויף די ווענט,
דאַרף אַ לאַנדסמאַן אויף געשעפט,
דאַרף מען ערגעץ געבן „גרעפט",
איז איינער טויב, איז איינער בלינד,
גייט די שכנה שווער צו קינד,

דאַרף מען „טאַנסילס" אָפּערירן,
איז איינער טעמפּ אויף די געהירן,
פּאַרט אַ ייד קיין בירא בידזשאַן,
דאַרף אַ מיידל אויף נדן,
פּייפּט אַן אויער ביי אַ יידן,
דאַרף מען אויפּהאַלטן דעם פּרידן,
האָט זיך איינער אָפּגעבריט —
מאַכט מען באַלד אַ בענעפּיט.

און די קעשענעס מיט „טיקעטס" פּול:
פּאַר אַ האָספּיטל, אַ שול,
טיקעטס רויט און טיקעטס געל,
טיקעטס בלוי און טיקעטס העל —
הימל, ערד נאָר און בילעטן
צו אַ פּרימאַדאָנאַ, אַ סוברעטן,
צו „קעניג ליר", „אַ מאַמעס טרער",
צו דער „משפּחה בעזימקער",
צו „דוואָשע קו", צו „יאָשע קאַלב",
און צו בערלס „גרינע שוואַלב".

און איר גייט נאָר אין טעאַטער —
און איר כאַפּט אַ הוסט, אַ קאַטער,
פּרייטאָג, שבת, — יעדער נאַכט,
נאָר איר לויפּט אַהין פּאַרשמאַכט!
און איר וויינט פּון די קאָמעדיעס,
און איר קלאָגט פּון די טראַגעדיעס,
און איר קומט אַהיים אַ מידער,
און עס „ברעכן" אייך די גלידער!
ס'וואַרפּט אין היץ אייך און אין קעלט —
איר זייט שוין באַלד אויף „יענער וועלט" . . .
טאָג און און נאַכט נאָר מעדיצינען —
איר קענט קיין אָרט זיך ניט געפּינען!
און איר ליגט אָפּ צען וואָכן
אויסגעליידיקט זיך, געבראָכן!
. . . .
פּילן „ברידער" מיט אייך מיט —
און מאַכן אייך אַ — בענעפּיט! . . .

די ראַדיאָ

אין דער לענג און אין דער ברייט
איז די ראַדיאָ פֿאַרשפּרייט:
אויפֿן וועג און גאַס און שליאַך,
אויפֿן בוידעם, אויפֿן דאַך,
אויפֿן שיף און אויפֿן באַן,
אין יעדער אויטאָ, עראָפּלאַן,
אַפֿילו אויפֿן זאַמד בײַם ים
שפּילט די ראַדיאָ מיט פֿלאַם!
סיי בײַטאָג און סיי בײַנאַכט —
נאָר עס דונערט! נאָר עס קראַכט!
יעדער שכן, יעדער שכנה,
ייִנגל, מיידל אָדער זקנה
דרייט דאָס רעדל הער און הין,
אָן אַ טאָלק און אָן אַ זין,
און יעדער איינער אין זײַן וועלט —
נאָר ער זוכט וואָס אים געפֿעלט:

איינער — אַ לעקציע וועגן קעז,
אַ צווייטער — גראַגערט „דזשעז"!
אַ דריטער — הערט אַ קאָמענטאַטאָר,
אַ פֿערטער — עצות וועגן „קאַטער".
אויך געאָגראַפֿיע, אַריטהמעטיק
גיט מען איבער מיט פֿיל „סטעטיק"!
אוי, די סטעטיק! אוי, די סטעטיק!
שיסט און דונערט אַזוי טעמיק!
אויבן — רעוועט אַ טראָמבאָן!
אונטן — שיסט אַ סאַקסאָפֿאָן!
און עס פֿייפֿט נאָר און עס כריפּעט!
כאָרכלט, פֿרעגלט זיך און סקריפּעט!
„איי־בי־סי, און ,בי־ווי־די"
באָמבאַרדירן ביז אין דער פֿרי!

און אין אַלע, אַלע שפּראַכן
רעקלאַמירט מען אַלע זאַכן:
שלייקעס, לייקעס, מאַרצעפּאַנעס,
היטלען, קיטלען און טאַראַנעס,
מעבל, שוועבל, מעדיצינען,
און אַ מיטל קעגן שפּינען.
אַלעס, אַלעס אויף דער וועלט
ווערט נאָר אויסגעטוישט פֿאַר געלט!

איינער הייסט אייך עסן ראַקעס,
ראַקעס היילן אַלע מכּות!
זאָגט אַ צווייטער: ראַקעס, מכּות,
לאַכט זיך אויס פֿון די ליידאַקעס!
לאַכט זיך אויס פֿון דער מעטאָדע,
טרינקט נאָר גוידער'ס יאָדע!
אַ דריטער רעדט פֿון נערוון שוואַכע
און ראַט אייך עסן טשעראַפּאַכע,
אַ פֿערטער רעדט פֿון „וויטאַמינען"
וואָס אין קעזן זיך געפֿינען.
וואָס מער קעזן „שמעקן" אונטער
איז אַלץ בעסער און געזונטער!
קלוגע מענטשן נאָך בײַם זינען
שלינגען „דריזשיקס וויטאַמינען":
„איי" און „בי" און „דזשי" און „די"
וואָס ענטהאַלטן ענערגיי"!
אוי, טאָג און נאַכט נאָר וויטאַמינען,
כאַטש נעם און גיי אַראָפּ פֿון זינען!

אַ זאַקן פֿירמע רעדט פֿון זאַקן,
אַ דאָקטער הייסט אייך שטעלן פּאַקן,
און די „טאַנסילס" אַרויסשמייסן,
די ציינער אויסצורייסן!

אין עצות, מיטלען פֿאַרן מאָגן
וואָס טויגן אַזש אויף טויזנט קלאָגן!
אויך ווי צו ווערן דאַרער, פֿעטער,
פֿון אַ בלאָנדער — אַ ברונעטער.
ווי צו קאָכן, ווי צו באַקן,
בראָקן, פּילן, פּרעגלען, האַקן,
ווי צו מאַכן קוגל, קניש,
ווי צו כאַפּן „געפֿילטע פֿיש“,
אַפֿילו ווי צו שרייבן גראַמען
עס זאָל די לעזער ניט פֿאַר׳סמ׳ען...
אַבי איר ברענגט נאָר צו דאָס געלט,
גיט מען אייך די גאַנצע וועלט!

אַ בעקער פֿירמע הייסט ניט פֿאַרגעסן —
אירע „דאָונאַטס“ קויפֿן, עסן!
זיי זיינען פּשוט אַן אַנטיק!
ברענגען פֿרידן, ברענגען גליק!
געפּרעגלט אין דעם בעסטן אויל,
יעדער לאָך — צעגייט אין מויל! . . .

אַ שדכן רעקלאַמירט זיין וואַרע:
חתנים, כּלות — וואונדערבאַרע!
מענער, פֿרויען, גרויס און קליין —
מיט געלט, געלערנט, קלוג און שיין!
ער גאַראַנטירט אייך יעדער פּאָר
גוט צו זיין כאָטש אויף אַ יאָר!
די בעסטע וואַרע, אַן אַ צאָל,
עס לוינט זיך הייראַטן צוויי מאָל.

אַ לאַיער פֿון גט-פּראָצעסן
ראָט הייראַטן ניט צו פֿאַרגעסן!
און נאָכן „האָני-מון“ ער וועט
באַלד אַרויסקריגן אַ גט!

ער מאַכט פֿון ווייבלעך ווידער מיידלעך,
גאָר אַן חכמות און אַן דריידלעך!
הכּלל, איר'ט ווידער ווערן „סינגל",
אַזוי דרייט ער מיטן צינגל!

אַן „אנדערטייקער" רעדט פֿון טויט:
גיכער, מענטשן, מאַכט זיך גרייט!
ס'איז שטאַרבן איצט די בעסטע צייט!
מ'קומט פֿון נאָענט און פֿון ווייט!
היינט אונזערע לויות —
האַלטן אויף דעם שלום בית!
ווילט איר לעבן אויף דער וועלט —
שטאַרבן איצטער ניט פֿאַרפֿעלט!
צו וואָס אָפּלייגן אויף מאָרגן?
אַז מ'קען עס היינט באַזאָרגן!
ס'איז אַ „סייל", ניט פֿאַרזעט,
מאָרגן וועט שוין זיין צו שפּעט!

און גייט מען וואו צו גאַסט אַוועק —
קנאַקט די ראַדיאָ, אַ שרעק!
„דזשעז" און „סווינג" אויף העכסטע טענער,
ווי אַן אָרקעסטער פֿון הענער!
ס'איז דער טומל שרעקלעך דאָרט,
און וואָס מען רעדט — מ'הערט קיין וואָרט!
מ'וויל איבערזאָגן, איבערקייען,
נאָר ס'איז שווער אַריבערשרייען!
און ווען מ'גייט אַהיים פֿונם גן־עדן —
איז שווער אין האַלדז, מ'קען ניט ריידן...

דער בחור פֿון „נעקסט דאָר"

(אַ קורצע ביאָגראַפֿיע)

ס'איז סיידי געווען
אַמאָל ווי אַ בלימל,
אויגן — צוויי זונען,
צוויי שטערן אין הימל.

און זי האָט געזונגען,
און זי האָט געלאַכט,
געשטיפֿט און געשפּרונגען
בייטאָג און ביינאַכט.

און זי האָט געקליבן
בחורים אָן שיעור,
נאָר ס'איז ניט געווען
קיין איינער פֿאַר איר.

דער ערשטער צו דאַר,
דער צווייטער צו פֿעט,
דער דריטער געפֿאָנפֿעט
ווען ער האָט גערעדט.

דער פֿערטער, דער פֿינפֿטער —
חסרונות אַ וועלט!
דער ניט געבילדעט
און דער איז אָן געלט.

* * *

זיינען יאָרן געלאָפֿן
וואָס ווייטער אַראָפּ,
פּלוצלונג — באַמערקט זי
ס'ווערט גרוי שוין דער קאָפּ.

האָט זיך סיידי דערשראָקן
פֿאַר איר ניי־געשטאַלט,
אַזוי זאָגט דער שפּיגל —
זי ווערט טאַקע אַלט.

האָט זי אַדווערטייזט
אין טעגלעכן „אוי״:
„איך בין אַ יונג מיידל —
אַזוי און אַזוי.

אַ שטעלע אַ גוטע,
און שיין ווי די וועלט!
איך האָב אַ פּעט „ביכל״
און מאָך אַ סך געלט.

איך זוך די באַקאַנטשאַפֿט
מיט אַ וועלטלעכן מאַן,
אַ מאַן מיט כאַראַקטער,
וואָס לעבט מיט אַ פּלאַן״.

* * *

עס האָט די רעקלאַמע
פֿאַראורזאַכט אַ קראַך!
און ס'האָבן זיך מענער
געיאַוועט אַ סך.

אַקטיאָרן, פּאָעטן,
אַלמנ'ס, גע'גט'ע,
באַהאָרבטע, באַפּליכטע,
בלאָנדע, ברונעטע.

הכּלל, געקומען איז
יעדער שוואַרץ יאָר!
ביז מען האָט איר גערעדט
אַ מאַן פֿון „נעקסט דאָר״.

וואָס, גאָר פֿון „נעקסט דאָר?״
ווי פּאַסט עס פֿאַר איר!
האָט זי פֿאַר שדכנים
פֿאַרשלאָסן די טיר.

און זי האָט באַשלאָסן
פֿאַרלעבן איר געלט,
אויב ניט געהייראַט —
כאָטש זען די וועלט.

איז סיידי געפֿאָרן
אַליין מיט איר טרוים,
אין פּאַריז און אין לאָנדאָן,
אין לעניגראַד, רוים.

געררייזט און געזען
דייטשלאַנד און כינע,
שוועדן און האָלאַנד,
די שווייץ, פּאַלעסטינע.

און ענדלעך, מיט מזל,
עס האָט איר באַגליקט!
אַ חתן דער בורא
האָט איר צוגעשיקט.

זי האָט אים באַגעגנט
אין סינגאַפּאָר, גאָר,
און געווען איז דער בחור
טאַקע דער פֿון „נעקסט דאָר״...

אַ פֿאַליגע וועלט

1

עס איז אַ וועלט פֿון פֿאַלן:
לענדער פֿאַלן,
מענטשן פֿאַלן,
וואַסער פֿאַלן,
עס פֿאַלן שטיינער,
עס פֿאַלן ציינער,
עס פֿאַלט דער גרויסער
און דער קליינער,
עס פֿאַלן אַקטן,
עס פֿאַלן פּאַקטן
און טראַדיציעס
און קאָנטראַקטן.

2

עס איז אַ וועלט פֿון פֿאַלן:
עס פֿאַלן שטערן,
עס פֿאַלן בלעטער,
עס פֿאַלן פּעטש,
עס פֿאַלן געטער,
עס פֿאַלט אויס האָר,
שוואַרץ און גרוי,
און עס פֿאַלט זיך
גלאַט אַזוי...
עס פֿאַלן טורעמס,
עס פֿאַלן ווענט,
עס פֿאַלט ביי איינעם
פֿון די הענט...

איינער פֿאַלט
אויף אַ באַנאַנע
און אַ צווייטער —
אין אַ וואַנע...

3

עס איז אַ וועלט פֿון פֿאַלן:
מען פֿאַלט אַריין,
מען פֿאַלט אַרויס,
מען פֿאַלט אַראָפּ,
מען פֿאַלט און — אויס!
עס פֿאַלן „באַנדס“,
עס פֿאַלן „סטאָקס“,
עס פֿאַלט דער קורס
אויף מענטש און פֿלאַקס...

4

עס איז אַ וועלט פֿון פֿאַלן:
עס פֿאַלן באָמבעס,
אידעאַלן,
קעפּ און קרוינען
פֿליען, פֿאַלן,
און יעדער איינער
איז אַ בעלן
העלפֿן יענעם
וואָס מער פֿאַלן...

„דער מעיאָר"

(אַ „פּאולטרי" פאַרמער פון ניו דזשוירזי ווערט באַטיטלט:
„דער מעיאָר" פון מיאַמי ביטש)

(איציקן — אַ מתנה)

מ'האָט באַטיטלט אים: „דער מעיאָר",
ווייל באַוואוסט איז ער דאָ זייער.

אַלעם הערט ער, אַלעם זעט ער,
און מיט יעדן איינעם רעדט ער.

ברויזט און שטורמט, שטענדיק היציק!
אַלעם וויים ער — גיך און בליציק!

שטענדיק אין אַ „רויטער היטל"
וואָס באַשיינט זיין „מעיאָר" טיטל.

זיין „רויטע היטעלע" — זיין „קרוין",
ער קען אָן איר זיך ניט באַגיין!

דער וואָס וויל אים וואו געפינען
האָט זיין „היטעלע" אין זינען.

אַ געוואַגטער, אַ טשיקאַווער,
שליסט באַקאַנטשאַפט, ווערט אַ חבר.

רעגירט דעם „ביטש" און פירט דעם רודער,
איז מיט יעדן — „גוטער ברודער".

איר זוכט אַ פריינד? איר ווילט אַ טובה?
צי אַ צימער? צי אַ קרובה?

אָדער כאַפּן וואו אַ „ראַיד"? —
איז ער אַ יאַט — גאַר „סאַמעט-זייד"!

און איז גרייט צו העלפֿן אימער,
ספּעציעל — אַ פֿרויען־צימער . . .

איז דער „מעיאָר" — אַט דער גלאַטער
פֿונ'ם „ביטש" כּמעט דיקטאַטער.

די טוריסטקעס שיינע היט ער,
און וואו צוויי — איז ער אַ דריטער.

פֿון רעש'ן זיך — ער ווערט ניט מיד,
שטענדיק מונטער, זינגט אַ ליד:

זיץ איך מיר ביים ברעג פֿון ים,
איך זוך עפּעס אַרום,
איך זע אַ „הינדעלע" ניט ווייט, —
אַ קום אַהער, אַ קום!

און דער עולם באַמקעט אונטער
פֿריילעך, לעבעדיק און מונטער!

געקומען רוען — נאָר ער רוט ניט,
קיין איין רגע, קיין מינוט ניט.

שטענדיק זוכט ער, שטענדיק פֿאָרשט ער,
און נאָך עפּעס שטענדיק דאָרשט ער.

אין דער היים — ער איז אַ שטילער,
אַ געלאַסענער, אַ קילער.

דאָרטן — „ספּרינגלעך" אינקובירט ער,
דאָ — מיט „ספּרינגלעך" ראָמאַנסירט ער.

דאָרט — פֿאַרקויפֿט ער הינער, אייער,
און פֿון „ביטש" דאָ — איז ער „מעיאָר".

קאַפּעטעריאַ „טיימס סקווער" — מיאַמי ביטש

(חבר און קאָלעגע א. ווייצמאַן — אַ מתנה)

אין קאַפּעטעריאַ „טיימס סקווער" —
גרויס דער טומל, דער פאַרקער!

מען גייט אַריין! מען גייט אַרויס!
אַ געדרענג פון קליין און גרויס!

פון גאַנץ אַמעריקע דאָ יידן —
רעש'ן, קאָכן זיך און זידן!

קומען רעדן מער ווי עסן
און דאָס „פעקל" צו פאַרגעסן!

עס איז ניט נאָר אַ פרעסאַרניע,
אויך ראַנדעוואו-פּלאַץ, קיבעצאַרניע.

מען קומט זיך טרעפן, ראָמאַנסירן,
און — אפשר אַ ראָמאַן פאַרפירן?

טוריסטן האָבן צייט אַ סך —
רעדט מען וועגן יעדער זאַך.

אויך דעם וועטער מען באַרירט —
דאָ — מען שוויצט, און דאָרט — מען פרירט!

יעדער איינער פרייט זיך! קוועלט!
אַי, אַי, אַנטלאָפן פון דער קעלט!

* * *

מיאַמי באַלד מיט רינאָ גלייך —
ס'גט'ן זיך דאָ אָרעם, רייך.

זיצט אַ גרופּע און מען רעדט
וועגן ליבע, הייראַט, גט.

זאָגט אַ פֿרוי: אַז זי׳ט זיין געֶגט,
וועט זי מאַכן אַ באַנקעט!

אַ צווייטע זאָגט: אַז זי׳ט זיין פֿריי,
הייראַט זי באַלד אויף דאָס ניי.

אַ דריטע זאָגט: זי איז שוין מאַט!
האָט צוויי מענער שוין געהאַט.

זאָגט אַ מאַן: „יעצט האָב איך מוט!
אַי, די ליבע זי איז גוט!"

מאַכט אַ צווייטער: „ליבע, שמיבע,
מ׳קען זיך גט׳ן מיט דער ליבע".

זאָגט נאָך איינע פֿון דער גרופּע:
„די בעסטע זאַך איז — אָן אַ חופּה!

לעבן פֿריי איז בעסער, פֿאַרט!
דאָן איז גט׳ן זיך פֿאַרשפּאַרט!"

* * *

אויך שרייבער דיכטער און אַקטיאָרן
קומען דאָ געדאַנקען שנאָרן.

קומען כאַפּן דאָ אַ „נאַש",
און מען מאַכט אַ טומל! רעש!

וועגן בינע, וועגן פען,
און שיינע ווייבלעך — פֿייער־ברען!

אויך סתם טאַלאַנטן אַלע סאָרטן
שמועסן פֿון קונסט און קאָרטן.

זאַלץ־און־פֿעפֿערדיקע וויצן
ווי די פֿונקען אַזש זיי שפּריצן!

ס'איז ווי „קאַפּיי ראָיאַל", כמעט,
בלויז מיט ווייניקער פּאַראַד.

* * *

אין קאַפּעטעריאַ „טיימס סקווער" —
קומט גאַנץ אַמעריקע אַהער.

און מ'רעדט פון געלט, נדן,
מ'פּאַרט די פרוי דאָ מיטן מאַן;

און שדכנים — פול, געדיכט,
זוכן „העכט" דאָ ווי מיט ליכט!

אַלטע באָבעס אין די שייטלען
שמועסן פון „פּעטע בייטלען".

אַ, ווען גאָט עס שיקט זיי צו
אויף דער עלטער גליק און רו!

ביי קינדער זיין? ניט גוט איז, ניין,
פאַר זיך איז די נשמה ריין!

* * *

זיצט אַ ייד אַליין ביים טיש
און „ביינדלט" אוים אַ שטיקל פיש.

און ער רעדט צו זיך אַליין:
„זאָל איך גיין צו איר, צי ניין?

אַ, וואָס וויל זי פון מיר האָבן?
כ'האָב צוויי ווייבער שוין באַגראָבן!

אַלט און מיאוס, קיין אַסאָבע,
קוקט שוין אויסעט ווי מיין באָבע...

כ'וויים, אפשר יאָ? און אפשר ניין?
נאָר... ס'איז אומעטיק אַליין!

ס'האָט דער דאָקטער מיר פֿאַרווערט!
נאָר — איך האָב אים אין —— !"

אַזוי ער רעדט צו זיך ביים טיש,
און ער ביינדלט זיך די פֿיש...

* * *

זיצן, זיצן קאָמיטעטן
און מ'רעדט נאָר פֿון באַנקעטן.

מ'פּלאַנט אויך לעקציעס און באַזאַרן
און מ'האַלט זיך אין איין שפּאַרן!

מ'דאַרף דאָך די טוריסטן געבן
אַביסעלע קולטור און לעבן!

די צוועקן — גוטע, אידעאַלע,
קולטורעלע, סאָציאַלע.

נאָר מען היצט זיך, נאָר נאָר מען רעדט:
באַזאַר? צי לעקציע? צי באַנקעט?

איינער אַ באַזאַר שלאָגט פֿאָר:
מ'מוז עס מאַכן יעדן יאָר!

אַ צווייטער האַלט פֿון דער „אכילה" —
דאָס איז בעסער נאָך אַפֿילו

פֿון אַ באַזאַר און קאָנצערט!
אַ לעקציע — האָט דאָך גאָר קיין ווערט!

קאָמיטעטן טראַכטן שווער
אין קאַפֿעטעריאַ „טיימס סקוועור".

* * *

עסט אַ ייד אַ פֿערטל עוף
און זאָגט ער איז אַ פֿילאָזאָף.

אַלע, אַלע פֿילאָזאָפֿן
קענען קעגן אים גיין שלאָפֿן!

איינשטיין, בערגסאָן — יינגלעך צוויי,
אַנטקעגן אים — וואָס ווייסן זיי?

שפּינאָזאָ, ספּענסער, שמענסער, בלאָף!
נאָר ער איז, ער איז, „פֿילאָזאָף"!

און — ער גיט אייך באַלד ליטעראַטור —
טאָקע זיינע אַ בראַשור.

איר קענט זיין „עטיק" ניט באַנעמען,
נאָר איר ווילט אים ניט פֿאַרשעמען.

און טאָמער פֿרעגט איר אים אַ פֿראַגע,
זייט איר אין אַ שלעכטער לאַגע!

ער דערלאַנגט אייך באַלד אַ גאַב —
איר זייט אַ בהמה און אַ „סנאָב"!

* * *

פֿון דער זון פֿאַרברוינט און שוואַרץ,
רעדן צווייען פֿון דער „האַרץ".

„זייט איך בין אַט דאָ, רב מייער,
פֿיל איך ממש ווי אַ נייער!

כ'בין ניט אַרוים נאָך פֿון געפֿאַר,
אָבער — דאַנקען גאָט דערפֿאַר!

די בעסטע זאַך איז פֿאַרן האַרצן —
ניט צו נעמען זיך צום האַרצן.

עט, זאָל עס גיין, צו וואָס זיך זאָרגן?
איך טראַכט שוין מער ניט פֿונעם מאָרגן.

אין דער היים — איך פֿלעג נאָר ליגן,
דאָ — גיי איך מיר, אַ פֿאַרגעניגן!

דאָך, אַז איך פֿאַרגעס זיך נאָר אַ קאַפּ,
גיט עס מיר באַלד דאָ אַ כאַפּ!"

זאָגט דער צווייטער: „אייך איז גוט,
נאָר איך ווייס ניט וואָס מען טוט!

כ'בין, ניט פֿאַר אייך געדאַכט, אויף צרות!
מיין הארץ — טויג גאָר אויף כפּרות!

ווי מען רופֿט עס? טייוול ווייסט עס!
„טראָמבע־אָסעס", דאַכט זיך, הייסט עס".

„איר מיינט „טראָבאָסעס", דאָך מסתּמא,
ווער האָט עס דאָ ניט אין מיאַמע?"

און ער ראָט אים רוען, ליגן,
וועט ער קיין אַטאַקע קריגן.

„איר וועט נאָך זען מיט דער צייט
וועט איר אויכעט זיין אַלרייט!"

* * *

פֿון גאַנץ אַמעריקע, דאָ יידן —
טיפֿן, טיפֿן, פֿיל, פֿאַרשידן!

און אַלע קומען דאָ אַהער
אין קאַפֿעטעריאַ „טיימס סקווער".

זי פאַרשטייט ניט קיין חכמות

געקומען אין מיאַמי—
האָט משה געשריבן:
„אַ פלאַץ גאָר אַ וואונדער,
ס'איז ניט איבערטריבן.

די האָטעלן—פּאַלאַצן!
זיי פינקלען, זיי גלאַנצן!
די בוימער, די פּאַלמען,—
עס גלוסט זיך אַזש טאַנצן!

אַ ווינקל אַ שיינער!
אַ נייער, אַ פרייער!
די איינציקע צרה—
אַ ביסל צו טייער.

בייטאָג איז נישקשה,
ביינאַכט איז גאַנץ נודנע!
און אָן דיר, חנה־גיטל,
איז יידער פּאַסקודנע!

אַזוי לאַנג יעדער טאָג דאָ!
אַזוי לאַנג יעדע שעה!
אַ שאָד וואָס דו ביזט
דאָ איצטער ניטאָ״.

* * *

אָט אַזוי האָט משה
צו זיין ווייבל געשריבן,
כאָטש עס איז באמת
געווען איבערטריבן...

געוואָלט האָט ער מאַכן
אַן „איינדרוק״, ניט מער,
אַז ער בענקט דאָ נאָך איר,
ס'איז אים אומעטיק, שווער.

נאָר זיינע—זי האָט אים
גאַנץ ערנסט גענומען,
און איז באַלד אויף מאָרגן
צו משה'ן געקומען...

1

דער „שפינאָזאַ־איסט"

(דר. א. וואָלפסאָן פון מיאַמי ביטש — אַ מתנה)

אַמאָל — געווען אַ דענטיסט,
היינט אַ שפּינאָזאַ־איסט,

קולטוריסט, נאַציאָנאַליסט,
וועגעטאַריער, נאַטוראַליסט.

גענוג געקוקט שוין אין די ציינער!
שפּינאָזאַאיזם — העכער, ריינער!

דינען וועט ער איצט דעם כּלל —
דורך שפּינאָזאַ׳ס „עטיק און מאָראַל".

שפּינאָזאַן אַזש צום ביטש געבראַכט —
אַן אינסטיטוציע דאָ געמאַכט.

און פאַר די לעקציעס אויפגעבויט
אַ גרויסע לייוונטענע בויד

אין זיין גאָרטן — ווי אַ חופּה,
פאַר זיין „שפּינאָזאַ גרופּע".

אויך פאַר זיך אַליין אַ הויז:
וואו מ׳זעט דעם הימל־בלוי אַרויס.

ווי דער טאָג ער ווערט געבאָרן,
ווי די נאַכט זי ווערט פאַרלאָרן.

און דעם ים אין פּורפּור־גרין,
און פּאַלמען, פּאַלמען, יעדן מין.

און פאַרנומען העט־העט הויך
דעם העכסטן שטאָק פאַר זיין געברויך.

צו זיין שטאָק אַ טרעפּ עס גייט
ווי אַ „שלשלת" אויסגעדרייט!

עס פּאַרדרייט זיך אַזש דער קאָפּ
ווען מען קוקט אַרויף, אַראָפּ!

און ביי די טרעפּ — אַן אַפּאָריזם:
„ס'איז די טרעפּ פון אַסקעטיזם".

איז ער שטענדיק דאָרט אַליין,
ווער וועט זיך דערוועגן גיין?!

ווען ער האָט די טרעפּ געמאַכט,
מסתּם פון „נודניקעס" געטראַכט...

נאָר דער וואָס שטעלט זיין לעבן איין,
און „פּויזעט" קוים אַהין אַריין —

טרעפט אים דאָרטן שטאַרק פאַרטאָן
אין זיין פּילאָזאָפיש לעקסיקאָן.

ער זיצט און שרייבט און מעדיטירט,
אויף יעדער זאַך ער רעאַגירט.

נאָר שפּינאָזאַ'ס עטיק און מאָראַל —
זיין גאָט, זיין וועלט, זיין אידעאַל!

* * *

זיין היים — ווי ער — אינטערעסאַנט,
ניי און אויסטערליש, פּיקאַנט!

ער לעבט ווי גאַנדי, אויף זיין אַרט,
איז ווי גאַנדי דאַר און צאַרט . . .

עסט פרוכטן, גרינסן, לעבט נאַרמאַל —
דאָס איז דער סוד פון לעבנס-קוואַל.

אפשר דאָ אין טראָפּיש-שיין
וועט ער מאַריך-ימים זיין?

* * *

ער נעמט אייך אויף מיט גרויס פאראד!
און — קייט דערביי א „ספינאטש־בלאט".

דערלאנגט באלד „קיבעט" ווי עס פאסט
אזא גוטן, ליבן גאסט.

„וואלט שפינאזאס גייסט געשוועבט,
וואלט קיין היטלער ניט געלעבט!

וואלט ער די וועלט ניט רואינירט,
דאס יידיש פאלק ניט אטאקירט!

„שפינאזא איז געווען א תנא"!
און — ער גיט אייך א באנאנע.

„שפינאזא'ס לערע ווי א צווייג" —
און — דערלאנגט אייך באלד א פייג,

און א קאקאנוס א הארטע,
און א מער אן אויסגעדארטע . . .

„נאר זיגן וועלן דאך די מאסן!"
ער פארענדיקט שטיל, געלאסן.

* * *

ער בעט אייך קומען נאך א מאל,
און ווארנט ניט צו פאלן!

נאר אז איר דערמאנט זיך אן די „טרעפ" —
זייט איר שוין ניט קיין בעלן! . . .

2

די „שפינאָזאַ גרופּע"

(אין מיאַמי ביטש)

יעדן שבת אויף זיין הויף
גייען גרויסע גייסטער אויף!

גאונים, דענקער, גרויסע יידן,
פּריידיקער פון פרייהייט, פרידן,

וואכן אויף פון זייער דרימל
אונטער דעם מיאַמער הימל.

קומען הערן אים די מאַסן
פון אַלע שיכטן, אַלע קלאַסן.

* * *

עס איז דער הויף אין גרין געקליידט —
מיט „היביסקוסן" פאַרזייט.

אויך פּאַלמען שלאַנקע אַלערליי,
ווי פאַר׳חלומ׳ט שטייען זיי...

דרינגען הויך אין הימל-בלוי,
אין די וואָלקנס — זילבער-גרוי;

און זיי הערן און זיי שווייגן,
אַפּלאָדירן מיט די צווייגן...

* * *

יעדן שבת — פאַר דער לעקציע —
אַ ראַדיאָ „אַטראַקציע"!

פון דעם לעקטאָרס שלאָף-באַלקאָן,
אַזש פון דער מעטראָפּאָליטאָן —

הערט זיך אָפּערע-געזאַנג
פון אַרטיסטן — ערשטער ראַנג.

וואונדער אַריעס! כּשוף טענער!
פון פרויען-זינגער און פון מענער.

און דער עולם שוועבט אין הימל ———
און — נישט איינער כאַפּט אַ דרימל...

אוןביים ענדע — מיט אַ קנאַק!
צעכראַפּעט זיך אַ ייד געשמאַק!

* * *

דער לעקטאָר הייבט די לעקציע אָן
מיט אַ פּלאַטער אין זיין טאָן:

„שפּינאָזאַ איז געווען אַ מענטשן־פריינד!
אַזאַ ווי ער באַדאַרף מען היינט!

שפּינאָזאַ האָט געפּרעדיקט פרייהייט,
מענטשן־ליבע, טוגנד, גלייכהייט!

שפּינאָזאַ האָט נאַטור און גאָט געזען!
ער איז דער גרעסטער מענטש געווען!"

און ער ציטירט געדאַנקען שווערע
פון שפּינאָזאַס עטיק, לערע.

אויך פון רמב"ם און פּאָעטן
מאָלט ער בילדער און פּאָרטרעטן.

ער לויבט די גאַנצע מאַרך־משפחה
פון דער „גאָלדענער עפּאָכע".

און הלוי'ס רייזע לידער
רעציטירט ער ווידער, ווידער.

זיינע לידער פון די ים'ען
האָבן ממש טויזנט טעמ'ען!

* * *

נאָך דער לעקציע — אוים שפּינאָזאַ,
אוים פּאָעזיע, ווידער פּראָזע.

אַ פרייער פּאָרום — הארבע פּראַגן
פליען, שפּרינגען אין זיג־זאַגן!

פראַגן קאָכן, פראַגן זידן;
— וואָס זאָגט שפּינאָזאַ וועגן יידן?

און וואָס דענקט ער וועגן כינע?
וועגן רוסלאַנד? פּאַלעסטינע?

פֿראַגן, פֿראַגן אויפֿן קול
האַגלען, שיסן אַן אַ צאָל!

יעדער איינער פֿרעגט אַ קשיה,
בערל, שמערל, חיה, באַשע.

אַלע רעדן, ס׳שווייגט ניט קיינער,
האַלט אַ דרשה יעדער איינער.

איינער וויל מען זאָל אים זאָגן;
וואָס זאָגט דער רמב״ם וועגן מאָגן?

און וועגן דאַרע? וועגן פֿעטע?
און רומאַטעס און דיעטע?

אַ צווייטער ייד אַ פֿראַגע שטעלט:
וואָס זאָגט שפּינאָזאַ וועגן געלט?

וואָס טויג אַ מענטשן קאַפּיטאַל?
אַז מען אַרבעט מיטן גאַל?

* * *

ס׳וויל אַ ליטוואַק גערן וויסן;
„ווי קען מען לעבן און געניסן,

אַז די וועלט עס איז צעריסן
און מ׳האַלט זיך אין איין סיסן?!

אַפֿילו דאָ צווישן יידן
איז ניטאָ קיין סאָלעם, פֿרידן!

אויך ביי אונז דאָרט אין סיקאַגאַ
הערסט ביי יידן אַזאַ לאַגע״.

* * *

נאָר דער לעקטאָר וויל ניט הערן,
מ׳טאָר דעם שבת ניט פֿאַרשטערן!

מ׳טאָר ניט רעדן היינט קיין פּראָזע,
ס׳איז היינט שבת און שפּינאָזע!

ס'איז ניט שיין, מ'טאָר ניט זאָגן,
אַז יידן קומען זיך דאָ שלאָגן!

* * *

נאָר דער עולם הערט ניט, שרייט;
עס איז היינט אַ נייע צייט!

ווי קען מען זיין סענטימענטאַל
אין אַ צייט פֿון בליי און גאַל?

ס'איז די וועלט אין צוימען, קלעמען,
גיט אונז בעסער „טאָג פּראָבלעמען!"

וואָס גילטן פֿילאָזאָפֿיע, לידער?
אַז עס שמאַכטן שוועסטער, ברידער!

* * *

* * *

דער שפּינאָזאַ-איסט — צאַרט און איידל,
דרייט זיך, דרייט זיך ווי אַ דריידל...

ער זוכט אַ פּשרה דאָ און דאָרט,
נאָר ער בלייבט אַלץ אויף איין אָרט.

ער וויל אַלע, אַלע „איסטן"
פֿאַרוואַנדלען נאָר אין „שפּינאָזאַ-איסטן".

נאָר גיי, דערגיי און מאַך אַ טאָלק
צווישן אונזער יידיש פֿאָלק!

זעט דער לעקטאָר: אַז ס'איז שלעכט,
גיט ער אַלעמען גערעכט!

מ'באַדאַרף זיך מער ניט קריגן, קלעמען,
ער וועט שוין געבן „טאָג פּראָבלעמען".

איז ווידער שלום אויף אַ וואָך —
מ'וועט זיך קריגן נאָך און נאָך!

מאָנאָלאָג פֿון אַ יידן אין מיאַמי

וואָס לויפֿט מען אַזוי אין מיאַמי?
וואָס מאַכט מען אַזאַ טאַראַראַם?
וואָס האָט מען אין מיאַמער „גן־עדן",
אַ חוץ דעם געזאַלצענעם ים?

די דירה־געלט — הויך ווי דער הימל!
כאַטש נייע האָטעלן מען בויט;
יעדער „נאָרע" הייסט דאָ אַ „צימער",
מ'רייסט דאָך דאָ ממש די הויט!

און וואָס מאַכט מען פֿון וועטער אַ „צימעס"?
ווארום זאָגט מען ניט אָפֿן און פּראָסט:
אויך דאָ קומען אָן קאַלטע כוואַליעס,
אויך דאָ פֿרירט מען אונטער פֿון פֿראָסט!

וואָס לויפֿט מען אַהער אין „גן עדן"
פֿון אַ וואַרעמער היים און וויגאַדע?
כ'זאָג אייך, איר הערט, בנאמנות,
דאָס איז דאָך ניט מער ווי אַ „מאָדע".

אַ קור־אָרט? עס איז דאָך אַ ליגן!
מ'זוכט נאָר אַ קלאַנג צו פֿאַרשפּרייטן!
דער ים און די זון און די זאַפֿטן —
העלפֿן ווי באַנקעס אַ טויטן!

אַ חולה געקומען, אַ חולה צוריק,
ניטאָ דאָ קיין נסים, איך שווער!
און די וואָס איז מיאוס — ווערט דאָ ניט שענער,
זי ווערט נאָך דאָ מיאוס'ער מער!

ס'איז מיאַמי אַ קנאַפּער גן־עדן!
די טראַפּישקייט — ניט אַזאַ גוואַלד!
די „היגע" — זיי האָבן אויך פּליכעס,
זיי ווערן אויך גרוי און אויך אַלט...

און מיינט איר, חלילה, מ׳קרענקט ניט?
עס קרענקט דאָ, עס ליידט דאָ דער עולם!
זיי שניידן די „טאַנסילס״, „אַפּענדיקס״,
זיי האָבן אויך דאָ אַ בית עולם.

כ׳זאָג אייך, איר הערט — ס׳איז גאָרנישט מיט גאָרנישט!
דאָס ברענען זיך, בראָטן זיך — גאָר ניט געזונט!
די פּנים׳ער ברוינע — אָן אָנשטעל ניט מער,
מען פאַרלירט נאָר אומזיסט אַ פּאָר פונט.

און די פישן? די פליישן? — קובעבע!
עס פעלט דאָך דער יידישער טעם!
אָן זאַפט און אָן זיסקייט, ס׳טויג אויף כפרות,
און טייער — ס׳ברענט דאָ, אַ פלאַם!

היינט פּרובירט דאָ אַ שטייגער, זיך באָדן,
וועט אייך שוין קיין צרות ניט פעלן!
אַ פיש ווי אַ „פּענכער״ וועט אייך שוין דערטאַפּן,
איר׳ט באָדן זיך מער שוין ניט וועלן!

און ליבע, שמיבע? קען עס דען האַלטן?
אַט פאָרט מען אריין! אַט פאָרט מען ארויס!
ניטאָ קיין ממשות, ניטאָ דאָ קיין באָדן,
היינט איז מען דאָ, מאָרגן — שוין אויס.

און העלפט גאָט — עס גייט אויף אַ לאַד שוין,
דאַרף מען זיך ליבן וואָס גיכער!
אַז ניט איז מען דאָ גאָר אויף צרות,
מ׳איז ממש מיטן לעבן ניט זיכער!

אַט בין איך מיט אַ פרויקע געזעסן
אונטער אַ פּאַלמע — פאַרבראַכט און גערעדט,
פלוצלינג — ט־ר־ר־א־ך! אַ קאָקאָנוס הארטער
האָט שיעור ניט דעם קאָפּ מיר געפּלעטט!

*

אַזוי רעדט זיך דער דער ייד און ווערט גאָר ניט מיד,
חסרונות, חסרונות געפינט ער,
דאָך גייט אים ניט שלעכט, ער לעבט דאָ אַ טאָג!
און — קומט זיך צוריק יעדן ווינטער!...

יציאת מיאַמי ביטש

פֿאַר פּסח — ווערט מיאַמי ביטש
שטיל ווי אַ בית־עולם...
און עס לויפֿט ווי פֿון מצרים
דער טוריסטן עולם.

ס׳פֿרילינגט שוין אין אַלע שטאָטן
עס גרינט שוין דער אַרום —
מיאַמי ביטש אוים יחסנ׳טע,
שוין וואַרעם אומעטום.

איז ווידער האַוועו, ווידער לויפֿן,
ווידער יאָך און זאָרגן —
פֿון אַ וועלט פֿון לויטער היינט,
אין אַ וועלט פֿון מאָרגן.

אָפּגעהינטלט, אָפּגעפֿערדלט,
אָפּגעקערטלט, אָפּגעשפּילט,
אָפּגעשטיפֿט און אָפּגעהוליעט,
די צייט אין שפּיל דאָ אויסגעפּילט!

פֿאָרן, פֿאָרן די טוריסטן
פֿון דעם טראָפּישן יאַריד —
ווער אין שטאָט און ווער אין שטעטל,
פֿון וואַקאַציע — שוואַרץ און מיד...

זון — בייטאָג, ראָמאַנס — ביינאַכט,
מ׳קען דען אַלץ אָפּמאָלן?
וועט מען זיך שוין אין דער היים
זיך אויסרוען, דערהאָלן.

איינער פֿאָרט צוריק אין שאָפּ,
ניטאָ קיין אַנדער ברירה!
זיין ווייב און ער — ווי קאָץ און מויז,
אַי, איז דאָס אַ סחורה!

א צווייטער פֿאָרט — דאָ פֿיין פֿאַרבראַכט!
די היים — איז אַ גיהנום!
און אַלץ וואָס זיינס — אים רייצט ניט מער,
גוט איז נאָר ביי יענעם.

א דריטער פֿאָרט צו טאַטע־מאַמע,
אַ פֿערטער האָט ניט וואו —
וואו דער "דאָלאַר„ וועט פֿאַרטראָגן
דאָרט — זיין היים, זיין רו.

פֿאָרט אַ פֿרוי — עס ציט איר ניט,
פֿאָרט און וויל ניט פֿאָרן,
אָן דעם מאַן — איר וואָרעם דאָ
מיט אים זי ווערט פֿאַרפֿרוירן...

פֿאָרט אַ טאַטע צו די קינדער
שלעכט צו זיין אינאיינעם!
מוזן וועט ער סוף כּל סוף
גיין אין מושב זקנים.

* *
*

קלייבט מען זיך אין וועג אריין,
קויפֿט מען איין מתנות:
רינגלעך, ליולקעס און בראָנזלעטן,
בלייענע לבנות.

אליגייטער־פאַסן, טייסטערס,
ניקל־קראָקאָדילן,
ביוסטן, פֿלאַגן, מגן־דוד'ס,
טייטלען און רעפטילן.

אַלץ וואָס וואולוואָירט עס פֿאַרמאָגט —
די פֿיינסטע דיאַמאַנטן!
וואַזן, פערל און קאָרעלן
פֿאַר אַ קרוב, אַ באַקאַנטן.

* * *

פֿאָרן, פֿאָרן די טוריסטן —
דער — געוואוינען, דער — פֿאַרשפּילט,
איינער דאָ זיין „קאָלד" פֿאַרלוירן,
אַ צווייטער דאָ זיך גוט פֿאַרקילט...

אַ מיידל פֿירט אַ היים אַ חתן —
באַשערט איז איר אַ גליק!
„ס'איז מיאַמי אַ גן עדן!
ס'איז מיאַמי אַן אַנטיק!"

אַ צווייטע איז פֿאַרביטערט:
עס האָט זיך ניט געמאַכט . . .
„אַזאַ מיאוסע שטאָט מיאַמי,
ווער האָט אויסגעטראַכט?!"

אַ בחור פֿאָרט אהיים באַגייסטערט
פֿאַר די מיאַמער נעכט —
דער שיין־געשלעכט געווען איז גוט
איז אים געווען ניט שלעכט . . .

נאָך איינער בענטשט מיאַמי ביטש
מיט ליוב־געזאַנג ער רעדט!
געקומען איז ער אַ באַווייבטער
און פֿירט מיט זיך אַ גט...

אַ צווייטער שילט דעם וועטער גאָר,
ניט „שוואַרץ געגוג" זיין לייב,
אַ דריטער וואָלט זיך „אַמוזירט" —
האָט ער געבראַכט זיין ווייב . . .

אַ ייד אַ זיפּצער — פֿרעגט אַ קשיה,
האָט צו מיאַמי טענות —
אַלעמאַי ער פֿאָרט צוריק
מיט די זעלבע „סיַינעס?..."

עס באַקלאָגן זיך אויך פּעטערס,
מומעס, מאַמעס, טאַטעס,
וואָס זיי נעמען אויף צוריק
דעם זעלביקן רומאַטעס?

דעם זעלבן „לעבער?" „דייעביטיס?"
די זעלבע „האַרץ?" דעם „מאָגן?"
נאָר גיי שריי דאָ חי וקים?
ס'העלפֿט זיך דען באַקלאָגן?

*
* *

נאָר וואָס מ'זאָל ניט זאָגן, ריידן,
וועגן וועטער, שלאָפֿן, עסן —
אין מיאַמי וועט מען קומען,
און — ווידער אַלץ פֿאַרגעסן!

אינהאַלט

צום לעזער 3

נאַטור לידער

אין בלויען באַגינען 6
אין גרינעם פעלד 7
געזאַנג 7
זיבן זאַנגען 8
ביים וואַסערפאַל 9
פייער־פליגן 10
אין מאַי 11
זומער נעכט 12
„קיידי דיד" 13
דער העקער 14
„אינדיען" זומער 15
האַרבסט בלעטער 16

אין מײַן גאָרטן

געראַנגל 18
צוויי טאַטעס 19
געאָגראַפיע 20
אַז איך וועל ניט זיין 21
אין גאַס 22
ווען מען 22
אַט אַזוי 23
צום דיכטער 24
אַ וואָרט 25
זי ווייסט שוין 25
קנאה 26
ס'קען זיין 27
מענטש 28
ס'איז ניט 28
די יידישע טרערן 29
סם 29
אין שטראָם 30
גייסטיקע קראַפט 30
כ'האָב ליב 31
איך — ער — און יעדער איינער 32

וואו נעמט מען צוריק ? 33
מאַמענטן 34
דו — און — איך — און — נאַכט 35
דיינע אויגן 35
בליקן 36
אייפערזוכט 36
דערוואַכונג 37
איין וואָרט 37
עס האָט... 38
ערגעץ וואו 38
דער אייביקער קאַמף 39
פידל טענער 39
כ׳האָב אַמאָל אַ פאַרם געקויפט 40

עלעגיעס

עלעגיע (מיין פאָטער) 42
פאַראַן מענטשן 47
מיינע לידער 48

אויף געלעכטער

וואונדערלאַנד 52
אַ ליבע „בלעקאַוט״ 53
ער האָט מורא פאַרן „דרעפט״ 54
האָט רחמנות! 55
„בראַקירט״ 56
פייער 56
צו דער וועלט 57
פלאַמען 57
אַרויס פון מיין האַרצן! 58
סילינגראַמען 58
איינס און צוויי 59
אין די קעטסקיל בערג 60
דאַטשניקעס 61
ער און זי 61
כ׳ליב דעם זומער 62
ניטאָ קיין מזל! 63
אַ יעגער קוש! 64
זי האָט קיין צייט ניט 65
אָט דאָס הייסט טאַלאַנט! 65

דער „גרויער" גזלן 66
דיין ליבע 66
אוי, מיין מזל! 67
די מאָדערנע מאַמע 68
דער באַשיידענער בחור 69
צוליב דער מלחמה 70
פּעני און בעני 70
מיינע געליבטע 71
מאָדערן 72
אויף וואַקאַציע 72
מיין פריינד 73
אַ יונגער דיכטער 73
דער „קולטורניק" 74
לעבן 75
אַך און ווי 76
צו אַ מיידל 77
צו שפּעט 77
איז וואָס? 78
פאַרוואָס ניט יעצט? 78

הומאָריסטישע רעציטאַציעס

אַ בריוו צו אַנקל סעם 80
„בלעקאַוטס" 82
„בענעפיטס" 85
די ראַדיאָ 87
דער בחור פון „נעקסט דאָר" 91
אַ פּאַליגע וועלט 94
„דער מעיאָר" 96
קאַפּאַטעריאַ טיימס סקווער — מיאַמי ביטש 98
זי פאַרשטייט ניט קיין חכמות 104
דער „שפּינאָזאָאיסט" 105
די „שפּינאָזאַ גרופּע" 108
מאָנאָלאָג פון אַ יידן אין מיאַמי 112
יציאת מיאַמי ביטש 114